# אויפגאנג

N° 7-8



חודש-זשורנאל
ארויסגעגעבן דורך דער
יוגנט — אפטיילונג
ביים צ.ק. פון די יידן אין פוילן.

# אויפגאַנג

חודש-זשורנאַל ארויסגעגעבן דורך דער יוגנט-אפטיילונג ביים צ.ק.
פון די יידן אין פוילן.
№ 7–8 • 1.III.1948 •

# דאס ליד פון פרידן

## הימן פון וועלט-פעדעראציע פון דעמאקראטישער יוגנט

טעקסט: **ל. אשאניו**

יידיש: **משה הנאפהיים**

.1
יוגנט פון וועלט, אין רייען! –
אונז פאַרבּרידערט דער מאַרש און די פאַן.
יאָרן פון גרויל פאַרגייען!
העי, ווער יונג איז – מיט אונז שליס זיך אָן
און קעמף מיט אונז צוזאַמען
אויף דר'ערד און אויף די ימען.
פריידיק מיר שפּאַנען
פאָרויס צום פרידן,
אייניק אין אונזער טראָט

רעפריין:
פון קיין גרענעץ, פון קיין אָפּשטעל ווייסט נישט ס'ליד,
ווייסט נישט ס'ליד, ווייסט נישט ס ליד.
זינגעז מיר, ס'וועט נישט אַנטשטומעז ס'פרייע ליד,
ס'פרייע ליד, ס'פרייע ליד.
דאָס ליד געשווינד
איבּער גאָר דער וועלט
צעטראַגט דער ווינט.
ס וועט נישט שטום זיין, ס'וועט נישט שטיל זיין ס'פריי געזאַנג,
ס'פריי געזאַנג, ס'פריי געזאַנג.

.2
אין אויפרייס-געוויי, אין פיבּער
אינעם פייער פון קאמף מ'האַט פאַרבּראַכט.
ס'האָט אונזער בּונד פאַרשריבּן
דאָס פאַרגאָסענע בּלוט אין דער שלאַכט.
ווערמען די פריי איז אייגן,
מיט אונז אין מארש זאָל שטייגן!
ס'גליק, וואָס וועט מאָרגן
לייכטן די פעלקער –
באשאַפן האָבּן מיר

רעפריין: פון קיין גרענעץ, פון קיין אָפּשטעל..

.3
ס'קלאַפּן די יונגע הערצער:
זאָל אַ סוף זיין צום שלעכטס אויף דער וועלט!
הייבּט הויך די פאָן! – דערהערט זיך –
פאָרויס יונגוואַרג! דעם טראָט זיכער שטעלט!
אויפסניי דער טויט-שגעון
דער וועלט נעמט ווידער דראָען.
יעדער ווער יונג איז,
שליס זיך אין מארש אָן,
שריי: – נידער מיטן קריג!

רעפריין: פון קיין גרענעץ, פון קיין אפשטעל.

מוזיק: **א. נאוויקאוו**









ב. מארק



# יידן אין דער רעוואלוציע פון 1848

אין אנגעזיכט פון דער פעברואר־רעוואלוציע פון 1848 האט זיך די יידישע געזעלשאפט אין פראנקרייך פאליטיש דיפערענצירט און פארנומען פארשידענע פאזיציעס. מען קאן אנצייכענען פיר עיקר־גרופן אין דער יידיש־פראנצויזישער געזעלשאפט אין פעברואר 1848.

די יידישע פינאנסיערע מיט די ראטשילדס בראש איז געווען פארבונדן מיט דער מאנארכיע און האט אונטערשטיצט לואי פיליפן, דעם „באנקיר אויפן טראן". דאס ראטשילד־הויז איז בכלל געווען זייער אקטיוו און די פאליטישע געשעענישן פון דער ערשטער העלפט פון 19־טן יארהונדערט. נישט קיין קליינעם חלק האבן די ראטשילדס געהאט אין דער מפלה פון נאפאלעאן באנאפארטע. זיי האבן מיט דער בריטער האנט פינאנסירט די אנטינאפאלעאנישע קאאליציע, פונקט ווי זיי האבן פריער געשטיצט אלע כוחות, וואס האבן ביטער באקעמפט די רעוואלוציע. איצט, אין 1848, האבן די ראטשילדס זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער באדראטער מאנארכיע, קעגן דער רעוואלוציע. ז

א צווייטער טייל יידישע באנקירן און סוחרים, וואס האט געהערט צו דער מיטל־בורזשואזיע, האט זיך באטייליקט אין דער צייטווייליקער רעגירונג און אונטערשטיצט איר רעכטן פליגל, די גרופע פון לאמארטין. מיט די דאזיקע יידן האט אנגעפירט מישע מיכאל גודשא, דער זון פון בער־יצחק פון נאנסי, דעם יידישן פארשטייער פון דער צייט פון דער גרויסער רעוואלוציע. מישעל גודשא האט אנגעהויבן ווי אן אוטאפישער סאציאליסט פון סען־סימאנס שניט און פארענדיקט ווי אן אייגנטימער פון א באנק־הויז. גודשא איז געווען א מיטגליד אין דער צייטווייליקער רעגירונג — פינאנס־מיניסטער — און פארנומען אין איר אן אויסגעשפראכן רעאקציאנערע פאזיציע, אויסצייכענענדיק זיך מיט זיין ביטערן באקעמפן אפילו דעם מעסיק־לינקן פליגל פון דעם רעפובליקאנער לעדרו ראלאן.

צו לעדרו־ראלענס רעפובליקאנישן צענטרום האבן געהערט די פארשטייער פון פארמעגלעכן יידישן קליינבירגערטום מיט אדאלף קרעמיע בראש. אויך קרעמיע איז געווען א מיטגליד פון דער צייטווייליקער רעגירונג און האט פארנומען דעם אמט פון יוסטיץ־מיניסטער.

און, לסוף, דער עקסטרעם־לינקער פליגל פון דער יידישער געזעלשאפט, דער פליגל פון די רעכטלאזע יידישע אינטעליגענטן, בעלי־מלאכות, קליינהענדלער, משרתים, לאנדווירטן, וועלכע האבן זיך באגייסטערט פון די לאזונגען פון רעוואלוציאנערן פליגל פון די פראנצויזישע רעפובליקאנער. אין שפיץ פון דעם דאזיקן פליגל איז געשטאנען א גאנצע פלעיאדע יידישע פרייהייט־קעמפער.

די באציונג פון דער יידישער מאסע צו דער רעוואלוציע, צו איר אמתן קאנסעקווענט־דעמאקראטישן אינהאלט, דריקט זיך אויס נישט בלויז אין שטימונג, אין סימפאטיע, די באציונג קומט צום אויסדרוק אין מעשים.

די פאריזער יידן קעמפן מיט געווער אין האנט אין די רייען פון דער רעוואלוציע, שטרעקן זייער לעבן אויף די באריקאדן סיי דעם 24־טן פעברואר, סיי אין חודש מאי, סיי בעתן העלדישן אויפשטאנד פון 22 יוני. יידן צייכענען זיך אויס נישט בלויז ווי פשוטע קעמפער, זיי ווערן פאפולער ביים פאריזער פאלק ווי קאמאנדירן פונם אויפשטאנד. פון מויל צו מויל גיבן זיך איבער די פאריזער ארבעטער דעם נאמען פון קאפיטאן מאיז (משה), וועלכער האט ארויסגעוויזן אן אויסערגעוויינלעך־העלדישע האלטונג ביים פארנעמען פאליציי־פרעפעקטורן. מיט א העלדן־טויט אין קאמף פאלט דער יידישער סערזשאנט מארקס, אן אשכנזישער ייד, וואס שטאמט פון מעץ. יידן נעמען אן אקטיוון אנטייל אין די רעוואלוציאנער־דעמאקראטישע קלובן, וואס זיינען אנטשטאנען אין פאריז נאך דער אנטוישונג אין דער צייטווייליקער רעגירונג. א ריי יידן ווערן אויסגעוויילט



דורך די פראנצויזישע רעוואלוציאנערן פאר די פאן־טרעגער פון די קלובן און די גאסן־דעמאנסטראציעס. אומעטום זעט מען בעת די גאסן־קאמפן פוילישע יידן, די פאליטישע עמיגראנטן, די קעמפער פון 1830־31. די גאנצע יידיש־פוילישע פאליטישע עמיגראציע שטעלט זיך אין רשות פון דער רעוואלוציע. די דאזיקע יידיש־פוילישע פאווסטאנצעס לאזן זיך איבערן לאנד, זיי זיינען עם די פלאמיקסטע אגיטאטארן אין די יידיש־פראנצויזישע קהלות, זיי באגייסטערן עם די יידישע באפעלקערונג פון שטראסבורג און וועקן זי צום קאמף. זיי ווארפן עם דעם לאזונג: „זאל לעבן די אלוועלטלעכע רעפובליק!" א לאזונג, וואס ווערט דער שלאג־פאראל פון פראנצויזישן יידנטום אין יאר 1848. דער פוילישער ייד, דער פאווסטאניעץ פון 1830, ווערט אין פראנקרייך דער טרעגער פון דער אידייע פון וועלט־רעוואלוציע. ער דערגרייכט ווייט, אזש ביז אלזשיר, ווו דער אויפשטענדלער־עמיגראנט רובינשטיין ארגאניזירט די אלזשירער יידן צום קאמף קעגן אויסערלעך־פראנצויזישער און אינערלעך־יידישער רעאקציע.

פונקט ווי די יידיש־בורזשואזיע פארטייער — מישעל גודשא און אדאלף קרעמיע — שפילן אן אנפירנדיקע ראל ביים רעכטן פליגל פון דער צייטווייליקער רעגירונג און אין צענטרום, אזוי רוקט זיך ארויס אין דער רעוואלוציאנערער באוועגונג פון פאריזער ארבעטנדיקן פאלק א גאלעריע בלב ונפש איבערגעגעבענע, טאלאנטירטע יידישע פרייהייט־קעמפער. מיט דער רעוואלוציע פון 1848 איז פארבונדן דער נאמען פונם פראצויזישן ייד ארמאן לעווי, א טרייער מיטקעמפער פון אויגוסט בלאנקי און א נאענטער ידיד פון פוילישן נאציאנאלן דיכטער און רעוואלוציאנערן דעמאקראט אדאם מיצקעוויטש. ארמאן לעווי איז געווען באקאנט ווי א רעוואלוציאנערער אגיטאטאר נאך פאר די געשעענישן פון 1848. פאליטיש איז ער געשטאנען אינייינעם מיטן אוטאפישן קאמוניסט און רעוואלוציאנער בלאנקי. שפעטער איז ער געווען איינער פון די פיאנערן פון דער פראנצויזישער ארבעטער־באוועגונג. אין דעם רעוואלוציאנערן לאגער האבן זיך ארויסגערוקט ווי

(*א פראגמענט פון א גרעסערער ארבעט.






# 100 יאָר קאָמוניסטישער מאַניפעסט

דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" איז דער ערשטער פּראָגראַם־דאָקומענט פון דער מאָדערנער ארבעטער־באַוועגונג, פון דער מאַרקסיסטישער וועלט־אַנשויונג.



זינט דעם יאָר 1789 — דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָלוציע — האָט פראנקרייך און גאַנץ אייראָפּע אין משך פון האַלבן יאָר־הונדערט דורכגעמאכט גרויסע, סאָציאַלע ענ־דערונגען.

די אינדוסטריע האָט זיך אויסגעברייטערט און פילפאכיק געוואָקסן און צוזאמען דער־מיט איז געוואָקסן דער פּראָלעטאריאט. ענג־לאַנד און פראנקרייך זיינען שוין נישט די איינ־ציקע אינדוסטריעלע ווארשטאטן אויפן איי־ראָפּעישן קאָנטינענט, די קאפּיטאַליסטישע אנטוויקלונג נעמט ארום גאַנץ אייראָפּע. ס'וואַקסט אַלץ מער און מער דער קאָנפליקט צווישן קאַפּיטאַל און ארבעט. דער אויפשטאַנד פון די זייד־וועבער אין ליאָן אין יאָר 1831, האָט באַוויזן, אַז די ארבעטער הייבן אָן שטעלן זייערע אייגענע פאָדערונגען. די ליאָנער אויפ־שטענדלער האָבן אויף זייער שווארצער פאָן אָנגעשריבן: „לעבן ארבעטנדיק, אָדער שטארבן אין שלאַכט'. אין ענגלאַנד פארשפּרייט זיך די טשארטיסטישע, פּראָלעטארישע באַוועגונג, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר אין די 40־ער יאָרן א גרויסע קראַפט. עס אָרגאַניזירן זיך געהיימע געזעלשאַפטן, אין וועלכע אר־בעטער ווערן ביסלעכווייז אריינגעצויגן. די אוטאָפּיסטן־סאָציאַליסטן וועקן ביי די אר־בעטער אילוזיעס וועגן א צוקונפטיקער יושר־דיקער וועלט. עס אנטשטייען די ערשטע אר־בעטער־אָרגאַניזאַציעס. עס אנטשטייט דער „פאַרבאַנד פון קאָמוניסטן".

ערב דעם פעלקער־פרילינג אין די יאָרן 1845־46 קומט מארקס און ענגעלס אין באַרירונג מיט די ארבעטער־קרייזן. זיי שטעלן זיך אין צענטער פון דער דייטשישער ארבע־טער־באַוועגונג און הויבן אָן משפּיע זיין אויף דער געשטאַלטיקונג פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער ארבעטער־באַוועגונג. אין די יאָרן האָבן מארקס און ענגעלס געלייגט דעם פונדאַמענט פון דעם וויסנשאַפטלעכן סאָ־ציאַליזם.

אין חודש נאָוועמבער 1847 איז, לויט א באַשלוס פון צווייטן צוזאמענפאָר פון דעם גע־היימען „פאַרבאַנד פון קאָמוניסטן', אָפּגע־האַלטן אין לאָנדאָן, איבערגעגעבן געוואָרן מארקסן און ענגעלסן אויסצואַרבעטן די גרונט־פּרינציפּן פונם פאַרבאַנד אין דער פאָרם פון א ספּעציעלן מאַניפעסט.

די אויסגעאַרבעטע דורך מארקס און ענ־געלסן גרונט־פּרינציפּן האָבן זיך באַוויזן אין די טעג פון חודש פעברואַר 1848, אין דער פאָרם פון א ביכל א.נ. „קאָמוניסטישער מאַ־ניפעסט". דער דאָזיקער מאַניפעסט האָט געעפנט א נייַ קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער־באַוועגונג, אין דער געשיכטע פון קאַמף פאַר א נייער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, פאַר א געזעל־שאַפט אָן עקספּלאָאַטאַציע, פאַר א קלאַסנלאָ־זער געזעלשאַפט, פאַר פּראָגרעס.

100 יאָר זיינען פארביי. פיל האָט זיך אין משך פון דעם יאָרהונדערט געביטן. די וועלט האָט אין משך פון דער צייט איבערגעלעבט גרויסע סאָציאַלע שטורעמס, טיפע אויפ־טרייסלונגען און יאָרן פון גרויסע נצחונות — 1848 — 1871 — 1905 — 1914 — 1917 — 1939 און 1945 יאָרן, וועלכע האָבן אין רעזולטאַט געברענגט צום זיג פון דעם סאָ־ציאַליזם אין ראַטנפאַרבאַנד און צו דער אנטשטייונג פון א גאַנצע רייַ פאָלקס־דעמאָ־קראַטישע מלוכות אין אייראָפּע. און דאָך נישט געקוקט אויף די טיפע און גרויסע ענ־דערונגען, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אונז טיילט אָפּ גאַנצע 100 יאָר, שיינט נאָך היינט דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" — ווי א לייכט־טורעם, וואָס וואַרפט ליכט אויפן וועג צו דער פולשטענדיקער אויסלייזונג פון די פינצטערע כוחות, וואָס ווירקן נאָך אויף דער וועלט.

דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט' האָט זיין באַדייטונג נישט פארלוירן; ער איז נישט בלויז א היסטאָרישער דאָקומענט. ער איז היינט, ווי פריער געבליבן א שאַרף כלי־זין אין דעם קאַמף.

אין יאָר 1872, 24 יאָר שפּעטער נאָכן דער־שיינען פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", האָבן מארקס און ענגעלס אין א פאָררעדע צו דער דייטשישער אויסגאַבע פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט' געשריבן: „ווי שטאַרק די פאַר־העלטענישן האָבן זיך נישט געענדערט פאַר די לעצטע 25 יאָר, האָבן פונדעסטוועגן די אַל־געמיינע הנחות, וואָס ווערן אנטוויקלט אין דעם מאַניפעסט, נאָך ביז היינט צו טאָג איינ־געהיט, אין אַלגעמיין, זייער פולע ריכטיקייט. פּרטים וואָלט מען באַדאַרפט דאָ און דאָרט אויסבעסערן. דער מאַניפעסט גופא זאָגט, אַז „די פּראַקטישע אָנווענדונג פון אָט די פּרינ־ציפּן וועט אומעטום און אַלעמאָל אָפּהענגיק זיין פון די געגעבענע היסטאָרישע באַדינגונגען'.



דער מארקסיזם איז נישט קיין טעאָלאָגישע דאָגמע, ער איז נישט קיין טויטער בוכשטאַב פון די הייליקע ספרים. דער מארקסיזם איז א וויסנשאַפט, א טעאָריע, וועלכע גיט גרונט־הנחות, ריכטליניען, וועלכע זיינען שפּעריש און ריכטיק נאָר דעמלט, ווען זיי ווערן ריכ־טיק אויפגעפאַסט און ריכטיק אָנגעוואָנדן אין געגעבענע היסטאָרישע באַדינגונגען. די גאַנ־צע ווייטערדיקע טעאָרעטישע אנטוויקלונג און פאַרטיפונג פון די גרונט־געדאַנקען פון „קאָ־מוניסטישן מאַניפעסט' דורך מארקסן און ענגעלסן אַליין, דורך לענינען און סטאַלינען, די ריכטיקע אָנווענדונג פון די דאָזיקע גרונט־הנחות דורך דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי און דער זיג פון סאָציאַליזם אין ראַטנפאַר־באַנד באַשטעטיקן פולשטענדיק די ריכטי־קייט פון די אַלגעמיינע גרונט־פּרינציפּן פון דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט". זיינע גרונט־הנחות לאָזן זיך פאָרמולירן אין 3 הויפּט־טעזן (לויט ענגעלסן):

1. די ווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע און די געזעלשאַפטלעכע סאָציאַלע סטרוקטור, וואָס איז אן אומבאַדינגטער פועל־יוצא פון אָט דער ווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע — בילדן אין יע־דער היסטאָרישער עפּאָכע דעם יסוד פאַר דער פּאָליטישער און גייסטיקער געשיכטע פון דער געגעבענער עפּאָכע;

2. אין הסכם דערמיט איז די גאַנצע גע־שיכטע (אויסער דעם אוראַלטן קאָלעקטיוון ערד־באַזיץ) א געשיכטע פון קלאַסן־קאַמף, פון קאַמפן צווישן עקספּלאָאַטירנדיקע און עקספּלאָאַטירטע, צווישן באַהערשטע און הערשנדיקע קלאַסן אויף פארשידענע שטופעס פון געזעלשאַפטלעכער אנטוויקלונג;

3. און אַז דער דאָזיקער קאַמף האָט איצט דערגרייכט צו אַזאַ שטופע, ווען דער עקספּלאָאַ־טירטער און אונטערדריקטער קלאַס קאָן זיך

(סוף זייט 24)

י. פעדער

# 30 יאָר אויף דער וואַך פון שלום



פון דעם 9־טן מאי 1945 — דעם נצחון־טאָג איבערן היטלעריזם — זיינען פאַרביי קרוב 3 יאָר. און ווידער הענגט איבער דער וועלט דאָס געשפּענסט פון א נייער מלחמה, פון א נייער בלוט־באָד, אין וועלכער די אמעריקאנער אימפּעריאליסטן ווילן די וועלט ארייננוואַרפן. און ווידער זיינען די אויגן פון מיליאָנען מענטשן געווענדעט צום ראַטנפאַרבאַנד, צו דער זיגרייכער, רומפולער, רויטער ארמיי.

און פאַרשטענדלעך.

דער 30־יעריקער קאַמפּס־שליאַך פון דער באַפרייונגס־ארמיי באַרעכטיקט פולשטענדיק די האָפענונגען, פון די פרייהייט־ליבנדיקע פעלקער, וועלכע פאַרבונדן דעם גורל פון זייער קאַמף פאַר שלום, פאַר צונישט מאַכן די מלחמה־פּלענער פון דעם דורשטיקן, אנגלאָ־זאַקסישן אימפּעריאליזם.

הערלעכע, העראָישע בלעטלעך האָט די סאָוויעטישע ארמיי אריינגעשריבן אין דער געשיכטע פון די לעצטע 30 יאָר.

פון דעם 23־טן פעברואַר 1918 הויבט זיך אָן ־דער יחוס־בריוו פון דער רויטער ארמיי. אין דעם דאָזיקע טאָג, אין די שלאַכטן אונטער פּסקאָוו און נאַרוואַ, איז געבוירן געוואָרן דער נייער כוח פון דער פּראָגרעסיווער וועלט. די נאָך יונגע גוואַרדיעס פון דער נייער, רעוואָלוציאָנערער ארמיי האָבן דאָ פאַרהאַלטן די דייטשישע מיליטערטיילן און אָפּגעשטעלט זייער מאַרש אויף פּעטראָגראַד (היינט לענינגראַד).

זייט יענע טעג שטייט די רויטע ארמיי אויף דער וואַך, ביי די גרענעצן פון דעם סאָציאַליסטישן היימלאַנד, אויף דער וואַך פון שלום און אויפבוי.

דער אריינמאַרש פון דער דייטשישער ארמיי אין 1918 אויף דער ערד פון דער יונגער סאָוויעטישער רעפּובליק איז געווען בלויז אן אָנהויב פון א לאַנגן, שווערן קאַמף, וואָס די ראַטנרעפּובליק האָט געפירט העכער 3 יאָר מיט דער אויסלענדישער אינטערווענץ.

14 מלוכות האָבן זיך, ווי הייסעריקן געוואָרפן אויפן לאַנד. שווער, זייער שווער איז געווען די לאַגע. דריי פערטל פון דער מלוכה איז געווען אין די הענט פון די אינטערווענטן — ענגלאַנד, פראַנקרייך, יאַפּאַניע און אַמעריקע. ס׳האָט אויסגעפעלט ברויט, אַמוניציע, באַקליידונג פאַר דער ארמיי.

און דאָך, סוף כל סוף, נישט געקוקט אויף די ממש טראַגיש־שווערע באַדינגונגען, האָט די רויטע ארמיי געשלאָגן די ווייסע גענעראַלן, קראַסנאָוון, קאָרנילאָוון, קאָלטשאַקן, דעניקינען און ארויסגעטריבן די אינטערווענטן פון די גרענעצן פון ראַטנפאַרבאַנד.

די נצחונות פון דער רויטער ארמיי האָבן מעגלעך געמאַכט, אז די סאָוויעטישע פעלקער זאָלן זיך קאָנען נעמען צו דער רויקער, גיגאַנטישער אויפבוי־ארבעט.

אין יאָר 1938, ווען די יאַפּאַנישע מיליטערישע קליקע פּרוווט פאַרווירקלעכן איר חלום וועגן פאַרכאַפּן דעם ווייטן מזרח, ווערט זי געשלאָגן דורך דער רויטער ארמיי ביי דער אָזערע כאַסאַן.



אויף דער וואַך פון שלום

דאָס זעלבע חזרט זיך איבער אין יאָר 1939 ביים טייך כאַלכין־גאָל. —

דער עקאָנאָמישער קולטורעלער וווּקס פונם ראַטנפאַרבאַנד פאַרוואַנדלט די סאָוויעטישע מלוכה אין אן ערנסטן, וואָגיקן פאַקטאָר אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע.

די ענגלישע און אמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן שטויסן פינלאַנד צו א מלחמה מיטן ראַטנפאַרבאַנד. אין די יאָרן 1939־40 ברעכט דורך די רויטע ארמיי די א.ג מאַנערהיים־ליניע און צווינגט די פינלענדישע רעגירונג צו בעטן שלום. —

אין איר גאַנצער קראַפט און פּראַכט, אין איר גאַנצן פאַרנעם האָט זיך די רויטע ארמיי אַנטפּלעקט פאַר דער גאַנצער וועלט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין דער צווייטער וועלט־מלחמה איז די רויטע ארמיי איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען.

ס׳איז געשען , אויסדריקנדיק זיך מיט דער געוויינלעכער שפּראַך — „א נס".

יעדע ארמיי, וועלכע איז געצוווּנגען אין משך פון מאָנאַטן אָפּצוטרעטן אויף אַלע פראָנטן, ווערט, לויט אַלע מיליטערישע כּללים, געשטעלט אין א אויסזיכטסלאָזער לאַגע. אַזא ארמיי ווערט דעמאָראַליזירט.

אַנן דאָ איז גאָר געשען דער ערשטער „נס".

דאָס אָפּטרעטן פון דער רויטער ארמיי איז אין דער ערשטער צייט פאָרגעקומען אָרגאַניזיטערהייט. אָפּטרעטנדיק האָט מען כסדר, טריט נאָך טריט אָפּגעשוואַכט דעם שונא און אין דער זעלבער צייט האָט מען אָרגאַניזירט, צוגעגרייט איין קאָנטר־אָפּענסיווע נאָך דער צווייטער. ביז די רויטע ארמיי, איבערגרופּירט און פאַרשטאַרקט, האָט איבערגענומען די איניציאַטיוו אויף אַלע פראָנטן און אָנגעהויבן דעם טריומף־צוג, וועלכער איז פאַרענדיקט געוואָרן דעם 2־טן מאַי אין בערלין.

וואַרשע און פּאַריז, טשעכאָסלאָוואַקיע און גריכנלאַנד — גאַנץ אייראָפּע איז געפאַלן און נאָך טיפער איז געפאַלן דער מוט אין קאַמף קעגן היטלערן.

ס׳האָט זיך געדוכט, אז אַלץ איז פאַרפאַלן. און אַלץ וואָלט געווען פאַרפאַלן, ווען נישט די רויטע ארמיי.

(סוף זייט 6)



דורך בלאָטעס און זומפּן, צו דער פאַשיסטישער נעסט

אין משך פון 3 יאָר, פון יוני 1941 ביז יוני 1944 קעמפט די רויטע ארמיי אליין מיט די פאראייניקטע מיליטערישע כוחות פון היטלעריסטישן דייטשלאנד.

240 דיוויזיעס האָט דייטשלאנד געוואָרפן אויפן מזרח־פראָנט אין יאָר 1942, און אין יאָר 1943 257 דיוויזיעס, פון וועלכע גרויסע טיילן ווערן צעקלאפּט דורך דער רויטער אר־מיי.

מאָסקווע, לענינגראד, סטאלינגראד, קורסק — שטעט, וואָס זיינען, אויסגעוואָקסן צו סימבאָלן פון עקשנותדיקן, אומבויגזא־מען און צוגלייך זיגרייכן קאמף.

נישט נאָר, וואָס מאָסקווע און לענינגראד האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן, די קאמפן אונטער די שטעט האָבן פאראורזאכט טיפע ריסן אין די דייטשישע מיליטער־טיילן, סטא־לינגראד איז געוואָרן דער אָנהויב פון היט־לערס בראָך, און די גרויסע שלאכטן אונטער קורסק האָבן אוועקגעשטעלט דאָס גאנצע היטלעריסטישע דייטשלאנד פאר א רעאלער קאטאסטראָפע. די עפּאָפּייע סטאלינגראד וועט אָריין אין דער געשיכטע נישט נאָר, ווי אן אויסדרוק פון נישט־געזעענעם העראָיזם און קאמפס־גרייטקייט, נאָר אויך, ווי דער העכסטער אויסדרוק פון מיליטערישער קונסט אין אונזער צייט.

די צווייטע וועלט־מלחמה האָט באוויזן, אז די רויטע ארמיי איז אן ערשטקלאסיקע ארמיי, באוואָפנט מיט דער מאָדערנסטער טעכניק, מיט געניטע, אויסגעשולטע גענע־ראלן און קאָמאנדירן און פון א הויכן מאָ־ראלישן ווערט.

די לעגענדעס וועגן דער רויטער ארמיי, וועגן אירע העלדן, מארשאלן און וועגן גע־נעראליסימוס סטאלין וועלן איבערלעבן דורות, זיי וועלן וועקן די דערהויבנסטע גע־פילן און וועלן דורות באפליגלען צו די שענסטע טאטן. דורות וועלן אויך נישט פאר־געסן די קרבנות, וואָס דאָס סאָוויעטישע פאָלק, זיין רויטע ארמיי האָט געברענגט אין קאמף פאר שלום און פראָגרעס.

אין פאנטעאָן פון די מלחמה־העלדן וועט זיכער דעם אויבנאָן פארנעמען דער קאפּי־טאן מ. גאסטעללאָ, וועלכער האָט זיין ברע־נענדיקן אעראָפּלאן געריכטעט אויף א קאָלומנע פון דייטשישע ציסטערנעס מיט בענזין און איז אין די פלאמען אומגעקומען.

עס וועט נישט פארגעסן ווערן די פּאר־טיזאנקע, די פלאמיקע פּאטריאָטין זאָיאַ קאָסמאָדעמיאנסקא, וועלכע איז מוטיק אומ־געקומען אין די געסטאפּאָ־קעלערן.

די וועלט וועט געדענקען די 28 גוואר־דייער — פּאנפילאָווצעס, וועלכע זיינען אונ־טער מאָסקווע העלדיש געפאלן. אנטקעגנ־שטעלנדיק זיך דער אטאקע פון 50 דייטשישע טאנקן; די העלדישע קראסנאָדאָנער קאָמ־יוגיסטן, וועלכע האָבן, אונטער דער בלוי־טיקער, דייטשישער אָקופּאציע, געהאלטן הויך די פאָן פון זייער סאָציאליסטיש היימ־לאנד און טראגיש דערמאָרדעט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע הענקער.

דאָסגלייכן די צענדליקער, הונדערטער נאָמענלאָזע העלדן פון אונטער לענינגראד, אָדעס, סעוואסטאָפּאָל, וועלכע זיינען גע־פאלן מיט א הייליקער שנאה צום אָקופּ־פאנט און מיט א טיפער, אומצערייסבארער ליבע צום ראטנפארבאנד.

און אייביק וועט מען באוואונדערן די צענדליקער און טויזנטער מאמעס, וועלכע האָבן מיט אייגענע הענט געבענטשט זייע־רע זין און טעכטער, זיי זאָלן מצליח זיין אין דעם שווערן געראנגל.

דער סאָוויעטישער זעלנער איז נישט גע־גאנגען בלינד אין קאמף, ער האָט געוווּסט, פארוואָס, פאר וועמען ער שטרעקט דאָס לעבן.



קאַמפס־ברודערשאַפט

טייער איז אים געווען זיין היים, זיין לאנד, די פרייהייט און פאר זיי איז ער אוועק לייגן דעם קאָפּ.

טייער איז אים געווען די מענטשלעכע ציוויליזאציע, די סאָוויעטישע קולטור.

אין ע. פינינבערגס א ליד „פארבלוטיק־טע ביכער‟, לייענען מיר:

„א יונג, וואָס איז געקומען פון דער שלאכט,
א יונג, וואָס האָט באדינט קאנאָנעס,
האָט מיר דערציילט אין מאָסקווע אויף דער נאכט:
— ווען ס'האָט געברענט די שטאָט וואָראָניעזש,
ווען ס'איז געפלויגן אין דער הויך די שרעק,
ווען אויפגעריסן האָט די ערד דער מערדער מיט די העק,
האָב איך אין הויף פון א צעשטערטער ביבליאָטעק,
לעם שטיין און ביין, וואָס איז צעבראָכט און צעשפּליטערט,
אין אויסגעמיש פון בלוט און מענטשן־גלידער
געפונען אייערן א בוך מיט לידער,
א בוך מיט יידישע געזאנגען.
איך האָב אים אויפגעהויבן פונם בלוט און פונם אש,
כ'האָב אים אריינגעלייגט אין קאָמאנדירישן, אין גרויסן טאש
און בין מיט אים אין שלאכט אריין אוועקגעגאנגען...‟

אָט אזעלכער איז געווען דער זעלנער פון דער רויטער ארמיי.

אזא ארמיי איז אנטשטאנען און געקאָנט אנטשטיין אין א סאָציאליסטישער געזעל־שאפט.

30 יאָר ראטנפארבאנד, 30 יאָר רויטע ארמיי שטערט און באשווערט די מלחמה־העצער, קרעפּטיקט און מוטיקט די פּראָגרע־סיווע כוחות אין דער גאָרער וועלט.

דער רויטער שטערן, וואָס באצירט דעם רויטארמייער באלייכט אונזער קאמפס־וועג, מאכט לייכטער אונזערע טריט און זיכערט דעם נצחון פון פּראָגרעס.



אַזוי האָבן „געפּלאַטערט‟ די פאַשיסטישע פענער

יצחק ווארשאווסקי

# ארץ ישראל אין קלעם פון אימפעריאליזם

און ווידער בלוטיקט אונזער פאלק!

עס איז נאך נישט פארגליווערט געווארן דאס בלוט פון די מיליאנען יידישע קדושים. עס שוועבן נאך אין דער לופטן די גסיסה-קרעכצן פון די זקנים, קינדער און פרויען. עס דוכט זיך: די שווארצע וואלקנס רויך פון מאי-דאנעק, אשוויענטשים, דאכאו ציען זיך נאך איבער דעם בלויען הימל, ווי זיי וואלטן אויף אייביק עדות געבליבן פון דער גרויסער בלוט-באד. דער וויי-געשריי פון די טויזנטער אומ-געקומענע קינדער רופט צו אונז לעבן-געבלי-בענע צו שטיין אויף דער וואך, גרייט זיך קעגנצושטעלן יעדן פרווו פון איבערחזרן דאס, וואס איז פארגעקומען. — און ווידער בלוטיקט אונזער פאלק! פינצטערע כוחות זאמלען זיך ארום דער יידישן ישוב אין ארץ-ישראל. די וועלט-רעאקציע האט זיך פארייניקט ארום דעם קליינעם לאנד, פירנדיק דערביי א דאפל-טע שפיל: ערשטנס, דורך דעם נישט אויס-פירן דעם באשלוס פון „יונא", א וואקל טאן די אינסטיטוציע, וואס טראגט דעם נאמען פאראייניקטע נאציעס, און צווייטנס, א גאר אלטע שפיל, א שפיל קעגן יידישן פאלק. שוין באלד 3 חדשים ווי די „יונא", אדאנק דער גרויסער מיטהילף פון די דעמאקראטישע מלוכות מיט דעם ראטנפארבאנד בראש, האט באשלאסן אנערקענען די רעכט פון יידן און אראבער אויף ארץ-ישראל, אפשאפנדיק דער-מיט די רעכט פון די פרעמדע בעלי-בתים אויף דעם לאנד.

די גאנצע פראגרעסיווע וועלט, האט אויפ-גענומען דעם „אונא"-באשלוס מיט א באזונדערער צופרידנקייט. די מענטשהייט האט אין דעם באשלוס געזען א שריט פארויס אויף פארזיכערן דעם שלום אויף דער גאנצער וועלט. דער באשלוס האט געדארפט איינמאל פאר אלעמאל ליקווידירן דעם קאכעדיקן קעסל אויפן נאענטן מזרח, און אנערקענען די באַרעכטיקטע אספיראציעס פון יידישן פאלק אויף אן אייגענע מלוכה. דער באשלוס האט אויך געדארפט שטארקן דעם אויטאריטעט פון „אונא". אבער ליידער איז שוין אדורך א היפשע צייט און דער באשלוס ווערט אלץ מער ארונטערגעריסן פון די זעלבע, וועלכע האבן צוריק מיט א צייט געשטימט פאר אים.

אונזער יידיש פאלק, וועלכעס האט אמ-מערסטן געליטן אין דער לעצטער מלחמה און האט געוואלט אנהויבן א נארמאל לעבן צוגלייך מיט אלע פעלקער גייט איצט אפ אין בלוט, קעמפנדיק פאר זיין עקזיסטענץ. דער וועלט-אימפעריאליזם שפילט זיך מיט אונז ווי א קאץ מיט א מויז, ער לאזט אונז אפ א ווילע, גיט א האפענונג זיך ארויסצו-רייסן פון קלעם, אבער ווי נאר מיר ווילן זיך באוועגן, דעריאגט ער אונז און הויבט ווידער אן צו ווארגן. עס איז פאר אונז קלאר, אז די שולד פון די געשעענישן פון א"ק-ישראל, און די שולדיקע אין דעם נייעם פארגאסענעם בלוט פון אונזערע העלדישע ברידער, איז דער אימפעריאליזם, וועלכער וויל נישט מוותר זיין אויף דעם פעטן ביסן. די אנהענגער פון דער באקאנטער צעזארישער טאקטיק (די-ווידע עט אימפערא) נוצן איצט אויס מיט דער גאנצער ראפינירטקייט אט די אלטע גוט אויסגעפרוווטע סטראטעגיע...

פרידלעכע אראבישע און יידישע דערפער ווערן פראוואצירט צו בלוט-פארגיסונג. עס איז אונז גוט באקאנט דער פאקט, ווען אן אראביש דארף האט געשלאסן מיט זיינע יידי-שע שכנים א שלום-אפמאך. טראץ דעם האבן זיך שפעט אין דער נאכט געהערט שאסן אין דער ריכטונג פון דער יידישער קאלאניע. די יידן האבן גלייך רעאגירט און עס זיינען אומ-געקומען עטלעכע אומשולדיקע פרידלעכע אראבער. ווען צומארגנס האט זיך געווענדן אן אראבישע דעלעגאציע צו די יידישע שכנים



אן אראבער פארהאלטן בעת אן אנפאל.

און אויסגעדריקט זייער באדויערן צוליב דעם נישט האלטן דעם אפמאך מצד די יידן, האט זיך גאך א לענגערער אויספארשונג ארויסגע-וויזן, אז דאס האבן ענגלענדער, אויף א מיאוסן אופן פראוואצירט די יידישע קאלאניע, אריינפירנדיק זי אין א טעות. מיר ווייסן אויך פון פאלן, ווען בריטישע זעלנער פאר-האלטן יידן אין די יידישע קווארטאלן און פירן זיי ארעסטירט דורך די אממייסטן צע-יושעטע געגנטן פון די פראוואצירטע אראבישע באנדיטן, און אין די סכנותדיקע ער-טער ווערן זיי באפרייט. פאַרשטייט זיך, אז די צעיושעטע אראבישע באנדעס נעמען אויף די מתנה פון ענגלישן בעל-טובה. דורך אזעל-כע פראוואקאטארישע מערדערישע אופנים זיינען געפאלן פיל פון אונזערע ברידער און שוועסטער. אויף אזא אופן פראוואצירט דער ענגלישער אימפעריאליזם צו נקמה-אקטן מצד די יידן פאר אונזערע קדושים.

נישט איינמאל ווערט אויך אויסגענוצט די יידישע רעאקציע קעגן די פרידלעכע אראבי-שע איינוווינער, כדי אויף אזא אופן האלטן אין מאביליזאציע-שפאנונג די אראבישע באַ-פעלקערונג. גענוג בולט האט זיך ארויסגעוויזן די טאקטיק פון דעם ענגלישן אימפעריאליזם בעת דעם אויפרייס אין ירושלים, ווו ס'זיינען אומגעקומען צענדליקער אומשולדיקע יידן. די בריטישע זשאנדארמען ווייסן שוין גענוי, ווען זיך צו באווייזן און ארעסטירן די מיט-גלידער פון דער יידישער זעלבסטשוץ, דא-קעגן בשעת די גרעסטע אנפאלן מצד די אראַ-בער, וועלכע דויערן טעג, באווייזן זיי זיך קיינמאל נישט צו דער צייט. די ענגלישע אימ-פעריאליסטישע פאליטיק נוצט אויס די לא-גע אין א"י אויף אפצושוואכן די אויפ-קומענדיקע דעמאקראטישע און פראגרעסיווע כוחות אין די אראבישע לענדער, דורך אויפ-העצן די אראבער צום קאמף פאר דעם הייליקן לאנד. דער ענגלישער אימפעריאליזם אונ-טערשטיצט בלויז יענע אראבישע פירער, וואס רופן צו פאגראמען אויף יידישע איינוווינער, צו ראבירן יידיש האב און גוטס. צווישן די צעיושעטע באנדעס, וואס גראסירן אין ארץ-ישראל קאן מען געפונען עקזעמפלארן פון כל מינים רעאקציאנערן: אנדערסאוועס, וויים-גווארדייער, און דייטשן, יורשים פון היט-לעריזם. די הויפט-באנדעס פון גרויסן מופטי באשטייען פון אריינגעוואנדערטע אראבישע אוואנטוריסטן, וועלכע ווערן אנגעפירט פון אט די אימפעריאליסטישע אגענטן.

די ארץ-ישראלדיקע אראבער גופא, וועלכע האבן זיך איבערצייגט אין די פרידלעכע כוונות פון יידישן ישוב, צוליב וועלכן אויך זייער עקאנאמישע לאגע האט זיך פארבע-סערט, ווילן אויסמיידן די בלוט-באד, אבער זיי ווערן אריינגעצויגן דורך פארשידענע פראוואקאציעס, וואס די אימפעריאליסטישע מאנדאטאר-מאכט פארקלערט.

די געשעענישן אין ארץ-ישראל מוזן איצט מאביליזירן אלע פראגרעסיווע כוחות אין דער גארער וועלט, ווייל נאר די כוחות זיינען אימשטאנד צו באפרייען ארץ-ישראל פון דעם אימפעריאליסטישן קלעם.

די רעזיגנאציע פון ד"ר סנה פון דער עק-זעקוטיווו פון דער יידישער אגענץ, דארף די-נען אלס סיגנאל פאר א געהעריקער אריענ-טאציע. מיר, דאס פאלק פון „בין הסדן והפטיש" מוזן זיך אין דער געשאפענער לא-גע אריענטירן, ווער עס זיינען אונזערע אויפ-ריכטיקע פריינט, און ווער, אונזערע שונאים. מיר מוזן זיך שטיצן אויפן ראטנפארבאנד ווי אויך אויף אלע דעמאקראטישע מלוכות, וועלכע פירן אן אומאויפהערלעכן קאמף קעגן יעדער פראוואקאציע, וואס דער פא-שיזם און די רעאקציע גרייטן צו.

די ארץ-ישראל-פראגע איז שוין פון לאנג געווארן אן אינטערנאציאנאל פראבלעם. דאס נישט רעאליזירן דעם באשלוס פון אונא, וואלט באדייט פולשטענדיק אונטער-רייסן די ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער און א זיג פון די שווארצע כוחות אויף דער וועלט. און דערפאר טאקע דארפן אלע פרייע פעלקער, וועמען עס איז טייער דער שלום מטהעלפן דעם קעמפנדיקן ארץ-ישראל אינם קאמף פאר זיין נאציאנאלער זעלב-שטענדיקייט, פאר באפרייען דאס לאנד פון ענגלישן אקופאנט.

נ. שטראַכמאַן

# צו הילף דעם קעמפנדיקן ארץ ישראל




די גאנצע יידישע עפנטלעכקייט אין לאנד האָט מיט דער גרעסטער צופרידנקייט אויפגענומען דעם באשלוס פון צ. ק. פון די יידן אין פוילן צו פראָקלאמירן א פאָלקס־אקציע צו הילף דעם קעמפנדיקן ישוב אין ארץ־ישראל. די יידישע יוגנט אין פוילן וועט אין דער ער־



בריטישע פּאָליציי ארעסטירט מיטגלידער פון דער „הגנה“

שטער ריי שטעלן זיך אויפן רוף פון צ. ק. און מיט מעשים באווייזן איר סאָלידאריטעט מיט דער העראָישער ארץ־ישראלדיקער יוגנט, וועלכע פארגיסט איר בלוט, פארטיידיקנדיק דאָס יידישע לעבן און צוקונפט אין ארץ־ישראל.

איבער צוויי חדשים פירט דער פרידלעכער א״י־ישוב זיין פארטיידיקונגס־קאמף קעגן אָנגריף פון אראבישע פאשיסטישע באנדעס, וועלכע האָבן זיך געשטעלט פאר א ציל נישט דערלאָזן צו דער רעאליזאציע פון די באשלוסן פון או״נאָ דורך ברוטאלער פארניכטונג פון יידישן עקאָנאָמישן און נאציאָנאלן לעבן אין לאנד.

נישט געקוקט אויף דער „שטילער“ אָבער באדייטנדער הילף פון די אימפּעריאליסטישע כוחות, ווי אויך פון די אינטערנאציאָנאלע פאשיסטישע רעשטלעך, טראָץ דער שטייגנדער הילף אין מענטשן און קריגס־מאטעריאלן פון דער זייט פון די אראבישע פעאָדאלע מדינות— איז דאָך דער א. ג. „אראבישער באפרייונגס ארמיי“ ווייט נישט געלונגען אין די פארלאָפענע מאָנאטן דערגרייכן וועלכן עס איז עפעקטיוון רעזולטאט. דער הויפּט ציל צו פאראליזירן דאָס יידישע עקאָנאָמישע לעבן אין לאנד און איזאָלירן די באזונדערע געגנטן איינע פון די אנדערע איז דורך די אראבישע אָנגרייפער נישט דערגרייכט געוואָרן.

די דאָזיקע שטאנדהאפטיקייט פון יידישן ישוב, וועלכער האָט ביז איצט נישט אויפגעגעבן קיין איין פּאָזיציע און האָט מוטיק געענטפערט די פעאָדאל־פאשיסטיש־אימפּעריאליסטישע באנדעס איז אין גרויסער מאָס צו פארדאנקען דעם מיליטערישן פארטיידיקונגס כוח פון ישוב —דער „הגנה“. זייט א ריי חדשים הזרט זיך דער דאָזיקער נאָמען איבער אויף די שפּאלטן פון דער וועלט־פּרעסע און ווערט דער סימבאָל פון יידישן אָרגאניזירטן ווידערשטאנד, פון יידישער נאציאָנאלער ווירדע, פון אויסערגעוויינלעכן העראָיזם פון ישוב אין ארץ־ישראל.

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די „הגנה“?

שוין אין די ערשטע יאָרן פון יידישער קאָלאָניזאציע אין א״י, האָבן די יידישע ארבעטער געשאפן א באוואָפנטן כוח, וועלכער האָט געהאָט דעם ציל צו פארטיידיקן דאָס יידישע פארמעגן פון רויב און גנבה. אין שפּעטערדיקן פעריאָר פון אינטענסיווערער קאָלאָניזאציע און דער עיקר נאָך די ערשטע גרעסערע אנטי־יידישע אומרוען פון 1921 איז רייף געוואָרן דער געדאנק פון שאפן אן אָרגאניזירטן כוח, וועלכער זאָל פעיק זיין אין לאנדעם מאסשטאב, לויט א באארבעטן פּלאן, פארטיידיקן די יידישע קאָלאָניעס פון אראבישע אָנפאלן. זייט דאַן האָט זיך די „הגנה“ אנטוויקלט אין א פארצווייגטער מיליטערישער פּאָלקס־אָרגאניזאציע, וועלכע דיספּאָנירט מיט אויסגעשולטע קאדרען, געווער, ספּעציעלע איינהייטן און באזיצט אלע אטריבוטן פון א באוואָפנטן פארטיידיקונגס־כוח.

אין משך פון דער גאנצער צייט פון איר עקזיסטענץ ביז היינט איז די הגנה נישט לעגאליזירט און נישט אָנערקענט דורך דער ענגלישער אימפּעריאליסטישער מאנדאַט־מאַכט. אויך היינט, ווען דער ישוב בלוטיקט אין קאמף פאר זיינע אָנערקענטע רעכט און קעגן מערדערישע באנדעס ווערט די „הגנה“ פארפאָלגט דורך דעם קאָלאָניאלן בריטישן פּאָליציייִשן רעזשים.

די סיבה פון דער בריטישער קעגנערשאפט צו דער „הגנה“ דערקלערט זיך גאנץ לייכט מיט דעם סאָציאל־פּאָליטישן כאראקטער פון דעם יידישן פארטיידיקונגס־כוח. די הויפּט־צילן פון דער הגנה שטייען אין אָפענעם ווידערשפּרוך צו דער ענגלישער אימפּעריאליסטישער פּאָליטיק אין ארץ־ישראל ווי אין גאנצן נאָענטן מיזרח. די קאָלאָניאלע אינטערעסן פון ענגלאנד ליגן אין פּערמאנענטע צווישן־פעלקערלעכע קאמפן, אומרועז, קאָנפליקטן. דאָס גיט איר די מעגלעכקייט צו שטארקן די אייגענע איינפלוסן אין די באהערשטע לענדער. עס איז באקאנט, אז ענגלאנד האָט געמאכט אין די לעצטע צוויי יאָר גרויסע באמיונגען ארויסצורופן אין ארץ־ישראל יידיש־אראבישע קאָנפליקטן. אָבער די „הגנה“ האָט זיך נישט געלאָזט אריינציען אין קיין שום אוואנטורעס און האָט אזוי ווי אין 1936 אָנגעווענדט די טאַקטיק פון „הבלגה“, דאָס הייסט זעלבסט־באהערשונג, און פארהיטן ווי ווייט מעגלעך א צוזאמענשטויס מיט דעם שכנותדיקן אראבישן פּאָלק. די „הגנה“ שטייט אויף דער וואך פון שלום, פּונקט ווי דער קאָלאָניאלער רעזשים שטייט אויפן שטאנדפונקט פון פּערמאנענטע אומרועז. אויך אין געגעבענעם פּעריאָד, ווען די „הגנה“ איז פון פּאסיוון ווידערשטאנד איבערגעגאנגען צו דער טאקטיק פון אקטיוון ווידערשטאַנד און גרייפט אָן די באַנדעס אין זייערע אייגענע נעסטן — ווערט שטרענג אָפּגעהיט דער פּרינציפּ פון לאָקאליזירן די באזונדערע נקמה־אקטן און נישט פארגיסן קיין אומשולדיק בלוט.

דאָס איז איינע פון די סיבות פארוואָס די מאנדאט־מאכט „האלט נישט“ פון דער „הגנה“ און באקעמפט זי. זי פארשטייט, אז דורכן לעגאליזירן די „הגנה“ קאָן איינגעשטעלט ווערן אָרדענונג אין לאנד, וואָס ליגט נישט אין ענגלאנדס אינטערעסן.

ווי געזאָגט, איז די הגנה געגרינדעט און פונאנדערגעבויט געוואָרן דורך יידישע ארבעטער־טוער אין ארץ־ישראל. די העגעמאָניע פון דער ארבעטערשאפט אין דער הגנה איז אָפּגעהיט ביזן היינטיקן טאָג, דאָס דרינגט ארויס קודם כל פון דעם סאָציאלן געבוי פון ישוב, אין וועלכן דער ארבעטער־קלאַס פארנעמט א וויכטיק אָרט. אזוי דער שטאָטישער פּראָלעטאריאט ווי די ארבעטער אין דאָרף, קיבוץ, מושבה באטייליקן זיך אקטיוו אין דער הגנה און דערציען פאר איר העלדישע קעמפער און מוטיקע פעיקע אָפיצירן.

באשטימט איז עס נישט אויף דער האנט די רעכטע בירגערלעכע קרייזן פון ישוב, וועלכע זעען אין דער הגנה אן אינסטרומענט פון דער הסתדרות און פון ארבעטער־קלאס בכלל. מיט דעם דערקלערט זיך די נישט־אָפיציעלע אונטערשטיצונג, וועלכע די רעכטע קרייזן ערטיילן די ״דישע פאשיסטיש־טעראָריסטישע גרופּן, אין וועלכע זיי גלויבן געפינען דעם עווענטועלן אָנשפּאר אין צוקונפטיקן סאָציאלן קאָנפליקט מיט די ארבעטער.



פארדעכטיקער אראבער ווערט רעווידירט

אויף דעם אָרט וועט נישט זיין איבעריק צו דערמאָנען, אז די א.ג. אָפּטריניקע (פורשים), די רעוויזיאָניסטיש־טעראָריסטישע גרופּן האָבן אויך אין דער היינטיקער ערנסטער לאגע נישט אויפגעהערט זייער סעפּאראטע פארברעכערישע טעטיקייט אין רעזולטאט פון וועלכער עס

וואקסן אָן די סכנות, וועלכע באדראָען דעם ייד. קיום אין דעם יידישן פארטיידיקונגס קאמף אין א"י. גענוג צו דערמאָנען די אצ"ל פּראָוואָקאציע ביי די נאפט ראפינעריעס אין חיפה. די הגנה בלייבט טראָץ אלעמען דער איינציקער באמת נאציאָנאלער כוח וועלכן דער ישוב ווי דאָס גאנצע יידישע פאָלק האָט אָנפארטרויט די פארטיידיקונג און שוץ פון אונזערע האָפענונגען אין ארץ־ישראל.

אין די רייען פון די מגינים (פארטיידיקער — ווי מען רופט היינט די מיטגלידער פון דער הגנה) געפינען זיך יידן פון אלע פאָלקס־שיכטן און פון פארשידענע פּאָליטישע איבערצייגונגען פון די דעמאָקראטיש־בירגערלעכע ביז די עקסטרעם לינקע. אין דער הגנה נעמען אָנטייל קעמפער פון דער יידישער בריגאדע, פארטיזאנער פון די פוילישע וועלדער, פון יוגאָסלאווישע בערג, פון פראנצויזישער ווידערשטאנדס־באוועגונג, פראָנט־קעמפער פון דער רויטער ארמיי, פון דער ערשטער קאָשטשיושקאָ־דיוויזיע, מיטגלידער פון „השומר" און א"י־יוגנט. טויזנטער יידישע יונגעלייט, וועלכע האָבן זייער לעבן געשטעלט נישט איינמאָל אין קאָן אין קאמף פאר דער פרייהייט פון פעלקער און פון דער מענטשהייט האָבן פרייוויליק זיך מאָביליזירט אין דער יידישער פארטיידיקונגס־אָרגאניזאציע, אין דער הגנה און וויזן טאָג־טעגלעך ביישפּילן פון זעלטענער העלדישקייט.

מיט א קורצער צייט צוריק איז די יידישע וועלט אויפגעטרייסלט געוואָרן דורך דער ידיעה פון העלדישן אומקום פון 35 מגינים אין די געגנטן פון כפר־עציון. א באנדע פון 2.000 אָנפאלער האָט נישט באזיגט די גרופּע פון 35 יונגע בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן בוכשטעבלעך ביזן לעצטן אָטעם, ביז דער לעצטער קויל געקעמפט מיטן שונא און זיך נישט אונטערגעגעבן. עס רוקן זיך אָן אויפן געדאנק די געשטאלטן פון די 28 לעגענדארע „פאנפילאָווצעס" רויטארמייער, וועלכע האָבן אין 1941 מיט אן ענלעכער אָפּפערוויליקייט פארטיידיקט ראטנפארבאנד קעגן דייטשן היטלעריזם.

געשעענישן לאָזן זיך נישט שטענדיק פארגלייכן. אָבער דער טאט פון די 35 ביי כפר עציון וועט אין דער יידישער געשיכטע פארנעמען איינע פון די רומפולסטע בלעטער און דערציילן וועגן יידישע גבורה, וואָס ציט זיך פון מכבי און בר־כוכבא ביז טרומפּע־דאָר, אנדזשעי שמידט און אניעלעוויטש, ביז די זעלטענע געשטאלטן פון די היינטצייטיקע מגינים.

מיר לעבן אלע איבער ערנסטע און דעצידירנדע טעג אין אונזער יידישער געשיכטע. די אויגן פון אלע יידישע יישובים זיינען געווענדט אהין, ווו אויף באריקאדעס און שוק־גרובנס, אין נגב, מדבר און אין בערג פון גליל, אויף וועגן און אומוועגן עס ווערט פארטיידיקט דער כבוד און די עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק.

די ארמיי מגינים, די „הגנה" דארף פילן, אז הינטער איר שטייען אלע 11 מיליאָן יידן אין דער וועלט, די פארטיידיקער פון יידישן ארץ ישראל דארפן וויסן אז אלע יידישע ישובים, אז די גאנצע יידישע יוגנט ווערט באגייסטערט דורך זייער העלדישקייט און וועט מאכן אלע אָנשטרענגונגען, כדי העלפן זיי אין געראנגל קעגן אימפּעריאליזם, קעגן רעאקציע, פאר א יידישער מלוכה'שער זעלבשטענדיקייט אין ארץ ישראל. ז

# יידישע יוגנט צו הילף דעם קעמפנדיקן ארץ־ישראל

דעם 12־טן פעברואר 1948 איז פאָרגעקומען א קאָנפערענץ פון דער יוגנט־אָפּט. ביים צ.ק. צוזאמען מיט דער צענטראלער פארשטענדיקונגס־קאָמיסיע פון די יידישע יוגנט־אָרגאניזאציעס, געווידמעט דעם אָנטייל אין דער הילפס־אקציע פאר דעם קעמפנדיקן ישוב אין ארץ־ישראל און זיין ווידערשטאנדס־כוח דער „הגנה".

ח' חיקה גראָסמאן האָט אין איר איינלייטונגס־וואָרט אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט פון דער אקציע און די אויפגאבן פון דער יוגנט ביי דער פּאָפּולאריזירונג און דורכפירונג פן דער אקציע. זי האָט איבערגעגעבן וועגן דער שיינער איניציאטיוו פון דעם ווראָצלאווער סטודענטן־קרייז, וועלכער האָט אסיגנירט פון זיינע פאָנדן 25.000 זל. און ביז איצט שוין געזאמלט העכער 30 טויזנט זל. זיי האָבן זיך אויך געווענדעט מיט אן אפּעל צו אלע סטודענטן אין לאנד. צום סוף האָט זי איבערגעגעבן וועגן די באשלוסן פון דער קאָמיסיע ביים צ.ק. וועגן דורכפירן די אקציע. אין דער אינטערעסאנטער זאכלעכער דיסקוסיע, וועלכע האָט זיך אנטוויקלט האָבן אָנטייל גענומען פאָלגנדע ח"ח: רויזמאן (דרור־באָראָכאָוו), קוואטערקאָ (ז.וו.מ.), אמסטער (גורדוניה), רוטקע קירשענבלאט (צוקונפט), רודאָלה און פעלדענקרייז (מרכז החלוץ), שוחט (הנוער הציוני), כמיעל (השומר הצעיר), רודאָלף און פעלדענ־יוגנט־אָפּטיילונג).

אין דער דיסקוסיע איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן די וויכטיקייט פון העלפן דעם קעמפנדיקן א"י. מען האָט באשלאָסן ארויסצושיקן צו אלע פארשטענדיקונגס־קאָמיסיעס א ספּעציעלן צירקולאר וועגן רופן ספּעציעלע זיצונגען מיטן אָנטייל פון די יוגנט־אָרגאניזאציעס, וועלכע גייען נישט אריין אין דער קאָמיסע (ווי מזרחי־השומר הדתי און נו"ח) און פון פאָרשטייער פון סטודענטן־קרייז, מיטל־שילער, יוגנט־היימען, קיבוצים, פאָלקס־שולן א.א., כדי אריינצוציען אין דער אקציע די גאנצע יידישע יוגנט, סיי די אָרגאניזירטע, סיי די נישט־אָרגאניזירטע.

אין אלע שטעט און שטעטלעך וועלן דורכגעפירט ווערן יוגנט־אקאדעמיעס מיט אן אָפיציעלן און ארטיסטישן טייל, געווידמעט דעם ישוב אין א"י, דער ארטיסטישער טייל דארף אויסגעפירט ווערן פון יוגנטלעכע דראַמ.קרייזן מיט דער הילף פון פּראָפעסיאָנעלע ארטיסטן. צו דעם צוועק האָט מען זיך געווענדט מיט א בריוו צום ארטיסטן־פאריין. מען האָט אויך באשלאָסן זיך צו ווענדן צו די פוילישע יוגנט־אָרגאניזאציעס, כדי צו באקומען זייער מאָראלישע און מאטעריעלע אונטערשטיצונג פאר דער אקציע. צו דעם צוועק וועט מען פארעפנטלעכן א ריי ארטיקלען און דורכפירן א ריי אקטועלע שמועסן וועגן דעם א"י־פּראָבלעם און דעם קאמף פון ישוב קעגן אימפּעריאליזם און רעאקציע.

די צענטראל־קאָמיטעטן פון אלע יוגנט־אָרגאניזאציעס וועלן פון זייערע אייגענע פאָנדן דעקלארירן געוויסע געלט־סומעס לטובת דער אקציע. די יוגנט־אָפּטיילונג און די פארשטענדיקונגס־קאָמיסיע וועלן זיך ווענדן מיט א ספּעציעלן אפּעל צו דער גאנצער יוגנט וועגן דער אקציע. די טעכנישע זייט פון אָט דער אקציע וועט דורכפירן די צענטראלע יוגנט־אָפּטיילונג. אלס פאראנטוואָרטלעכער פארן דורכפירן די אלע באשלוסן איז באשטימט געוואָרן ח' קורץ. אין משך פון דעם חודש־צייט, וואָס די אקציע וועט דויערן האָט די פארשטענדיקונגס־קאָמיסיע באשלאָסן צו האָבן יעדע וואָך א זיצונג.

מיר זיינען זיכער, אז די יידישע יוגנט אין פוילן וועט אויסנוצן אלע מעגלעכקייטן און ביז איצטיקע דערפארונגען, כד די הילפס־אקציע פאר דעם קעמפנדיקן יידישן ישוב אין א"י זאָל געבן די בעסטע רעזולטאטן און זאָל זיין אן אויסדרוק פון איינקייט און סאָלידאריטעט מיט אונזערע ברידער אין ארץ־ישראל.



יידישע יוגנטלעכע רייסן אדורך דעם ענגליש־פּאָליציייאישן קאָרדאָן צו העלפן זייערע באלאגערטע ברידער אין ירושלים.

ד. קורץ



# יידן אין די אראבישע לענדער

ווענן דעם לעבן פון דעם בערך מיליאָן יידן, וועלכע זיינען צעוואָרפן איבער די גרויסע שטחים פון אזיע און אפריקע, אונטער דער הערשאפט פון איסלאם, ווייסן מיר נישט פיל. פון צייט צו צייט ווערט אָבער די יידישע עפנטלעכקייט אלארמירט פון א ידיעה, וועגן פּאָגראָמען, וועלכע קומען גאנץ אָפט פאָר אין די מאכמעדאנישע



יידישע קינדער אין תימן

לענדער, און עס וואקסט אויף א געוויסער צייט דער אינטערעס צו אונזערע אומגליקלעכע ברידער.

אין די לעצטע יאָרן אפילו, שוין נאָך דעם טראגישן חורבן פון אייראָפּעישן יידנטום, זיינען ווידער פאָרגעקומען א גאנצע ריי יידן־פּאָגראָמען, כמעט אין אלע אראבישע לענדער, ווו די פאקטישע הערשער זיינען די אימפעריאליסטישע מלוכות. אזוי איז אין 1945 יאָר, א קורצע צייט נאָך דעם זיג איבערן פאשיזם, פאָרגעקומען א גרויסער פּאָגראָם אין אַלזשיר און קלענערע אין טוניס און מאראָקאָ. אין 1946 זיינען פאָרגעקומען בלוטיקע פּאָגראָמען אין דמשק און אין אלעפּאָ און פיל מאָרדן אין פארשידענע ערטער פון סיריע, ליבאן, איראק און עגיפּטן. מיט א קורצער צייט צוריק זיינען פאָרגעקומען ענלעכע פּאָגראָמען אין תימן (יעמען) און 2 מאסן־פּאָגראָמען אין דעם פּאָרט אדען, וועלכער געפינט זיך אונטער דער ענגלישער הערשאפט, בעת וועלכע מ׳האָט לעבעדיקערהייט אויפ היטלעריסטישן שטייגער, געברענט יידישע פרויען און קינדער. אָט די אלע שוידערלעכע פאקטן באווייזן, אויף וואָס עס זיינען פעיק די געוועזענע משרתים פון היטלער און מוסאָליני, די אראבישע פעאָדאלע און קלעריקאלע רעאקציע, וועלכע רעגירט היינט אין אלע אראבישע לענדער.

זיי האָבן אפילו געוואָגט צו שאנטאזשירן די סעסיע פון די פאראייניקטע פעלקער מיט רעפּרעסיעס און פּאָגראָמען אויף די בערך 800.000 יידן, וועלכע געפינען זיך אין זייערע לענדער, פאר דעם אָננעמען דעם היסטאָרישן באשלוס וועגן שאפן א יידישע מלוכה אין ארץ־ישראל.

אין די פארשידענע אראבישע לענדער פון אזיע און אפריקע געפינען זיך לויט סטאטיסטישע אָנגאבן פון פאר דער מלחמה פאָלגנדע צאָל יידן:

| לאַנד | צאָל יידן | פראָצ. |
|---|---|---|
| **אזיע:** | | |
| איראַק . . . . . | 100.000 | 2,8 |
| פערסיע (איראַן) . | 50.000 | 0,3 |
| סיריע און ליבאַן . | 15.000 | 0,5 |
| תימן (יעמען) . . . | 50.000 | 5,0 |
| אַדען (פּאָרט) . . . | 4.000 | 8,8 |
| **אפריקע:** | | |
| עגיפּטן (מצרים) . . . | 70.000 | 0,4 |
| ליביע . . . . . . | 25.000 | 3,5 |
| טוניס . . . . . . | 70 000 | 2,3 |
| אַלזשיר . . . . . | 130.000 | 1,5 |
| פראַנצ. און שפּאַנישע מאַראָקאָ און טאַנזשער | 200.000 | 2,6 |

אין אָט די אלע לענדער האָבן די יידן געהאט זייערע קהלות נאָך אין אלטערטום און ווי טייל לעגענדעס גיבן איבער נאָך אין די צייטן פון שלמה המלך. ביי די תימנער יידן איז פארשפּרייט די געשיכטע, אז 40 יאָר פארן חורבן פון ערשטן בית־המקדש, זיינען אייניקע צענדליק טויזנט יידן אוועק פון ארץ־ישראל און געגרינדעט אַן אייגענע מלוכה אין תימן, ווי זיי האָבן אויסגעבויט פיל שטעט, וועלכע עקזיסטירן נאָך ביזן היינטיקן טאָג. ווען עזרה האָט זיי אויפגעפאָדערט, נאָכן אומקערן זיך פון בבל, צוריקצוקומען קיין א״י, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט און זיינען דערפאר פון אים פארשאָלטן געוואָרן. דער פאקט האָט ארויסגערופן אינערלעכע רייבונגען אין דער יידישער מלוכה אין תימן, וועלכע האָבן זי אָפּגעשוואכט און זי איז באהערשט געוואָרן דורך די אראבער. פארשידענע היסטאָרישע דאָקומענטן גיבן איבער וועגן יידישן לעבן אין די לענדער פון נאָענטן מזרח און ביים מיטללענדישן ים אין די צייטן פון צווייטן בית־המקדש. די יידישע רעליגיע איז דעמלט געווען פּאָפּולער אויפן אראבישן האלב־אינזל און פיל אראבישע שבטים האָבן דעמלט אָנגענומען דעם יודאיזם. אדאנק דער אקטיווער קולטורעלער און האנדלס־טעטיקייט אין די דעמלטדיקע גרויסמאכטן, ווי בבל, פערסיע, מצרים, רוים א.א., האָבן די יידן דאָרט געהאט גרויסע איינפלוסן, אפילו אזוי שפּעט ווי אין 3־טן און ערטערווייז ביזן 6־טן יאָרהונדערט פון אונזער ערע. די קריסטלעכע ביזאנטיע האָט דאָס נישט געוואָלט דולדן און האָט אונטערגעהעצט דעם אביסינישן קעניג, וועלכער האָט דעמלט איינגענומען תימן, און פארשאפט פיל צרות די דאָרטיקע יידן. מאסן רדיפות אויף יידן הייבן זיך אָבער אָן אין 7־טן י.ה., ווען מאהאָמעט האָט מיט פייער און שווערד געצוואונגען די ארומיקע פעלקער אָנצונעמען זיין רעליגיע. די יידן האָבן זיין ווענדונג נישט אָנגענומען און ער האָט נאָך א לאנגן קאמף פארניכטעט די לעצטע שפּורן פון דער יידישער זעלבשטענדיקייט, געצוואונגען א סך אָנצונעמען דעם איסלאם און פיל יידן געהרגעט.

פון יענע צייטן אָן ביז צו די היינטיקע טעג ציט זיך א לאנגע קייט פון בלוטיקע פארפאָלגונגען, שענדלעכע בלבולים און פּאָגראָמען, וועלכע האָבן פארניכטעט א גרויסן טייל פון מזרח־יידנטום און גורם געווען א רעגרעס אין זייער קולטורעלער אנטוויקלונג. צוליב אָט די סיבות לעבן די אראבישע יידן מיט דעם זעלבן לעבנסשטייגער, ווי מיט העכער טויזנט יאָר צוריק. אין גרעסטן טייל זיינען זיי היינט אָרעמע מאסן, עקספּלאָאטירטע האָרעפּאשניקעס, קולטורעל און סאָציאל אָפּגעשטאנענע און רעליגיעז פאנאטישע. צוליב דעם כסדרדיקן טויט־שרעק און נישט זיכערקייט מיטן פארמעגן קענען זיי זיך פארנעמען נאָר מיט קליינעם גאסן־האנדל. אָבער צוליב דער באוווסטער אראבישער פוילקייט, האָבן די יידן טיילווייז די מעגלעכקייט זיך צו באשעפטיקן מיט האנטווערקעריי. אזוי איז, למשל, דער גרעסטער טייל תימנער



א תימנער יידיש מיידל

יידן גוטע בעלי־מלאכות פון אלערליי פאכן. צוליב זייער אָרעמקייט לעבן זיי אין שרעקלעכע היגיענישע באדינגונגען, וועלכע זיינען גורם אָפטע עפּידעמיעס.

די רכטלעכע לאגע פון די יידן אין די אראבישע לענדער דערמאָנט אין די פינצטערסטע צייטן פון מיטלאלטער, אָדער אין

חיים לייב פוקס

## בערג אין שני

.1

בערג.
פנימער פון דורות, קומט צו מיר ארויס,
ווי אַן אָפּן טויער, בין איך פאר אייך איצט אָפן,
מיין ערשטע שעה,
איך זע זי דאָ
זי האָט געוועקט זיך פונם שלאָפן.

אָט הויבט זיך אויף קינס קאָפּ
און בליצט צו מיר מיט זיינע אויגן
און ס'הענגען זיינע הענט אראָפּ,
ווי ווייסער בלענד, וואָס האָט זיין גוף באצויגן.

ער גייט צו מיר, איך גיי צו אים,
מיר טרינקען אויס דעם וויין פון זינען
און פרייען זיך די גרויסע פרייד:
מיר האָבן זיך אויפסניי געפונען!

.2

אויף די בערג איז היינט א ריטער גערימן.
ווייס איז די וועלט און איך בין אינמיטן.
שפּילט זיך די זון מיט זיין מאנטל פון בלענד
און ס'ציען די וועלדער דערפרייטע די הענט
און שפּילן א פריילעכס, און זינגען א ליד —
דאָס ליד פון באפרייטן געמיט.

הויב איך מיין קאָפּ צו די שפּיצן ארויף,
אָט דאָ איז דער אָנהויב און דאָ איז דער סוף
פון דער וועלט;
און ס'שטראַלט אויף מיין הארץ מיט זוניקן שיין
און ס'נעמט מיך דער ריטער אין זיין מאנטל אריין
פון דער וועלט!

לייב מארגנטוי

## קום אַריין אין מיין האַרץ...

קום אריין אין מיין הארץ, ווי א טויב,
מיט ליכטיק־צעזונגענעם בליק.
דיין שמייכל זאָל אויפשיינען: גלויב
אין פרילינג, אין מענטש און אין גליק!

מיט דיר — אזוי העל איז דער גאַנג
און הארבסטיקע סטעזשקע ווערט גרין.
מיט דיר ווערט דער טרויער — געזאַנג!
מיט דיר קריגט דאָס ליידן א זין...

ווי א טויב אין מיין הארץ קום אריין,
די כמארעס די שווערע צעיאָגט!
כ'זאָל פילן די גרויסקייט פון זיין,
די שיינקייט פון נאכט און פון טאָג!

קום פיל אָן מיט זון מיין געמיט,
מאך זינגענדיק־פריידיק מיין טראָם.
מאך קרעפטיק און לויטער מיין ליד,
באהויכט מיט דיין צארטן גענאָד.

***

ווי עס רעדט דער וואָלקן מיט׳ן ווינט
און ווי עס רעדן בלעטער מיט די צווייגן,
וויל איך רעדן היינט מיט דיר
דורך זינגענדיקן שווייגן.

ווי עס רעדן גרעזער מיט דעם קוואל,
און ווי דער טייך פארטרויט זיין בענקשאפט
פאר די ברעגן
און ווי דאָס פרילינגדיקע פעלד
זאפּט איין דעם שפּעדיקן רעגן, —

זאָל איינזאפּן דיין הארץ דעם טוי
פון מיינע לויטערסטע געפילן און באגערן
און אויפגיין זאָל דיין ליבע גרויס און שיין,
ווי די זון אין מאי און ווי די פרילינגדיקע שטערן!

די שרעקלעכע יאָרן פון היטלער הערשאַפט. אפילו נאָר דאָס וואָרט „יאהודי" ווערט דורך די פאנאטישע אראבער ארויסגערעדט מיט א ווילדן האס. אמערגסטן איז די לאגע פון די יידן אין תימן און אין שכנישן אדען (דער דרום־טייל פון אראבישן האלב־אינזל). דאָס איז אפשר דערפאר, וואָס אין תימן בילדן די יידן פארהעלטניסמעסיק א גרעסערן טייל פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג, ווי אין אנדערע לענדער, און אויך דערפאר, וואָס דער דאָרטיקער הערשער, דער גרויזאמער פאנאטיקער אימאם יעכיע שטייט אין גאָרנישט אָפּ פון זיין קאָלעגע, דעם עס־עסאָוויעץ — מופטי אל־הוסייני. דאָס געזעץ פארבאָט דאָרט די יידן צו וווינען אין די שטעט צוזאמען מיט די אראבער, דעריבער וווינען זיי אין געטאָס, ווו זייערע לעבנס זיינען כסדר אין געפאר. אין שטאָט אריין קענען זיי קומען נאָר מיט א ספּעציעלער דערלויבעניש. די אראבישע געטאָס אונטערשיידן זיך פון די דייטשע, נאָר מיט דעם, וואָס זיי פארמאָגן נאָך נישט קיין הויך־אנטוויקלטע טעכניק, כדי צו שאפן קרעמאטאָריעס און גאז־קאמערן. די יידן איז פארבאָטן צו האָבן ווייסע קליידער, זיי מוזן טראָגן שווארצע כאלאטן און לאנגע פאות. דער ייד טאָר דאָרט נישט רייטן אויף קיין פערד, אייזל, אָדער קעמל. ער מוז אלעמאָל קודם באגריסן דעם אראבער, אין באָד לאָזט מען אים נישט אריין, כאָטש מען צווינגט אים צו זיין דאָרט א הייצער. די יידן מוזן צאָלן ספּעציעלע שטייערן פארן רעכט אָנצוקלאָגן אין געריכט, אָבער דאָס „געריכט" אָנערקענט נישט דעם יידן אלס א עדות און נעמט נישט אָן זיי שבועה, אָנערקענענדיק אלעמאָל דעם יידן פאר דעם שולדיקן, אויב דער אנדערער צד איז א אראבער.

צוליב דעם מוזן די יידן בעסער פארשווייגן אלע עוולות, וואָס ווערן זיי אָפּגעטאָן. כדי זיך, ווי עס איז צו פארהיטן פון דעם שרעקלעכן ווילקיר, איז ביי די תימנער יידן פארשפּרייט א מנהג זיך איבערצוגעבן אונטער דער אפּוטרופּסות פון א אראבער, צו וועלכן זיי פארשקלאפן זיך פאקטיש, טוענדיק אים אלערליי ארבעטן אומזיסט, אבי ער זאָל נאָר באשיצן זייער נעבעכדיק לעבן. חוץ דעם אלעם גיט נאָך דאָס תימנער מיטלאלטערלעכע „געזעץ" צו יעדן שייך און דעם קעניג דאָס רעכט צו באזיצן די שיינע יידישע טעכטער אין דער ערשטער נאכט נאָך דער חתונה און צו שמדן די יידישע יתומים.

די אלע שרעקלעכע רדיפות, וועלכע דויערן שוין יאָרהונדערטער האָבן ארויסגערופן ביי די אראבישע יידן אָפטע משיחישע באוועגונגען און פארשטארקט זייער פאנאטיזם. היינט איז ביי זיי שטארק די שטרעבונג צו קומען קיין ארץ־ישראל, וועלכעס איז פאר זיי אן אמתער גן־עדן. נישט האָבנדיק קיין שום מאטעריעלע באדינגונגען און מורא האָבנדיק פאר פארפאָלגונגען, לאָזן זיי זיך פון צייט צו צייט צו־פוס, דורך אומלעגאלע וועגן און שווארצע גרענעצן. אָבער די אראבישע רעאקציאָנערע הערשער ווילן ביי זיי אפילו אָט די לעצטע האָפענונג אויף א בעסער לעבן אויך נישט איבערלאָזן, ווייל זייערע אָפּגעשטאנענע לענדער קענען זיך נישט באגיין אָן דעם ווירטשאפטלעך־וויכטיקן עלעמענט, וועלכן עס בילדן די יידישע האנטווערקער און ארבעטער. זיי האָבן דעריבער פארבאָטן די יידן צו פארלאָזן זייערע לענדער, דראָענדיק מיט רעפּרעסיעס זייערע משפחות. לעצטנס האָבן זיי אָנגעהויבן א נייע סעריע פון נידערטרעכטיקע פּראָוואָקאציעס לגבי די אראבישע יידן. וויסנדיק וועגן די גרויסע סימפּאטיעס פון די יידישע פאָלקס־מאסן צו ארץ־ישראל און צו דעם קאמף, וועלכן די העלדישע „הנגה" פירט פאר דער זעלבשטענדיקייט פון לאנד, צווינגען זיי די יידן צו זאמלען געלט פאר די אראבישע באנדעס און אויך עפנטלעך ארויסצוטרעטן קעגן דער יידישער מדינה.

דער יידישער וועלט־קאָנגרעס האָט אָנגעהויבן א גרויסע הילפס־אקציע, כדי צו פארזיכערן די עקזיסטענץ און די מענטשלעכע רעכט פון אונזערע ברידער אויפן נאָענטן מזרח. א סך יידישע אינסטיטוציעס האָבן אויך אָנגעהויבן א פילאנטראָפּישע קאמפּאניע לטובת די אראבישע יידן. אָבער דער גאנצער אָנגעווייטיקטער פּראָבלעם וועט נאָר קענען דערלדיקט ווערן דעמלט, ווען די מזרח־יידן וועלן באקומען מענטשלעכע און נאציאָנאלע רעכט אויף די ערטער ווי אויך די מעגלעכקייט פון פרייער אויסוואנדערונג קיין ארץ־ישראל.




# נתן מייסלער - דער יינגער שוישפּילער



דער שטורעם פון דער פארגאנגענער מלחמה האָט אונז איבערגעלאָזט בלויז איינצלנע ביימער. מיר ליידן אויף א מאנגל אין יוגנט. יעדע שעפערישע באוועגונג איז אָן יוגנט פארמשפּט אויף דעגענעראציע. מיר האָבן צווישן אונזער קינסטלערישער יוגנט—ארטיסטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן קינסטלעריש צו ווירקן אין די יאָרן 1938-39 און די מלחמה האָט איבערגעריסן זייער וווקס, אָדער וואָס האָבן ערשט אין די מלחמה־יאָרן זיך אנטפּלעקט. עס זיינען טאקע פארביי א צענדליק יאָרן פון פאר דער מלחמה, אָבער אויב עמעץ האָט דעמלט אָנגעהויבן צו באווייזן זיך אלס צוזאָגנדיקער טאלאנט און היינט שטייט ער אויף דער גרענעץ פון יוגנט און רייפקייט, באזיצנדיק אזעלכע מעלות, ווי יוגנט, טעמפּעראמענט, שוווּנג, געפּאָרט מיט א באגער צו נייקייט, באנייונג — אזעלכע קינסטלער פארעכענען מיר צו די יונגע צו אזעלכע געהערט מייסלער.

פון דער דראמ.־שול פון פּראָפ. קזשיזשאנאָווסקי, קומט מייסלער אָן אין דעם דראמ.־קרייז „מאסקא" אין לעמבערג. דער דאָזיקער קרייז אונטער דער אָנפירונג פון ה. לופּט איז אין דער צייט באקאנט אין לעמבערג מיט דעם פּראָגרעסיוון כאראקטער פון די געשפּילטע זאכן און מיט א נייער נעוואגטער אינסצעניזאטאָרישער פאָרם. מייסלער שפּילט אין „מאסקא" הויפּטראָלן, דאָך באמת ער זיך אָנצוקומען אין דעם פּראָפעסיאָנעלן טעאטער. אין דער צייט פון זיין מיטארבעט אין „מאסקא" באטייליקט זיך מייסלער אין קאָנספּיראטיווע קרייזלעך און ווערט אפילו ארעסטירט.

אין פּראָפעסיאָנעלן טעאטער קומט ער אָן אין 1937 יאָר אין דער טרופּע פון אידא קאמינסקא. שוין די ערשטע ראָלן מייסלערס פארמאָגן עפּעס אייגנארטיקעס, דאָס זיינען די ראָלן פון: מערוויל און „מאדאם איקס" פון בילסאָן פון פאציענט און „סוד פון אננא שלאָסער", פון פאדאָר און פון זיסל קרוינע אין גאָרדינס „שחיטה".

אן אינערלעכע ווייכקייט, א טיף מענטשלעכער טאָן ציען די אויפמערקזאמקייט אויף דעם יונגן מייסלער.

אין הערבסט 1939 קומט מייסלער אָן אין זיין היימשטאָט לעמבערג, ווו מייסלער גייט אריין אין קאָלעקטיוו פון לוואָווער יידישן טעאטער. דאָ שלאָגט זיך מייסלער אדורך א וועג צו קינסטלערישער שעפערישקייט. צווישן 55 פּראָפעסיאָנעלע אקטיאָרן באווייזט מייסלער צו פאראינטערעסירן די קריטיק מיט זיינע קליינע פערלדיקע ראָלן אין שלום־עליכמס „אוצר (יודל טאָרבע) און יקנה"ז, ווי אויך אין דינענזאָנס „יאָסעלע".

1941, עוואקואירט זיך מייסלער אויף מזרח. ביז בוכארא פירט דער וואָגל־וועג. פון דאָרט פאָרט ער קיין מאָסקווע, ווו ער קומט אָן אויפן דריטן קורס פון דער יידישער הויכשול פאר טעאטראלער קונסט אונטער דער אָנפירונג פון פּראָפ. שלמה מיכאָעלס. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט געקאָנט געפינען ארבעט אין פּראָפ.טעאטער, גייט מייסלער אין שול — ווייל ער וויל דערגענצן זיינע טעאָרעטישע און פּראקטישע וויסן און קענען. דאָס איז טאקע א שטריך פון יוגנט. מייסלער ענדיקט דעם מאָסקווער אינסטיטוט מיט אן אויסצייכענונג, אין דעם ארויסלאָז־ספּעקטאקל, אויף וועלכן עס ווערט געשפּילט פאדייעיוס „יונגע גווארדיע" ציט מייסלער אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון דער קאָמיסיע פון דעם אלפארבאנדישן קונסט־קאָמיטעט.

איצט געפינט ער זיך אין פּוילן, אין קאָלעקטיוו פון נידערשלעזישן יידישן טעאטער. שוין די ערשטע צוויי ראָלן זיינע: יאָסעלע אין „מירעלע אפרת" און באָנגאָם אין „היינט ביינאכט" געשטעלט דורך אידא קאמינסקא, צייכנט זיך מייסלער אויס מיט זיין נישט שאבלאָנהאפטן באנעמען די ראָלן. אין יאָסעלע איז ער עכט אנדערש פון געוויינלעכן נוסח, אין „היינט ביינאכט" שאפט ער פון דער געשטאלט פון דעם גייסטיקן קראנקן א סימבאָל פון עוואנגעלישער מענטשן־ליבע.

מייסלערן קאָן מען שטעלן אונזער אקטיאָרישער יוגנט אלס מוסטער פון אומאויפהערלעכער ארבעט איבער זיך.

מ. מעלמאָן

# ליטעראַריש־קינסטלערישער אָוונט פון יונגע

## איינגעאָרדנט דורך דער רעדאַקציע „אויפגאַנג"

שבת, דעם 21־טן פעברואר ה.י. איז אין „ווערעל"־זאל, פארגעקומען א ליטעראריש־קינסטלערישער אָוונט—אָרגאניזירט דורך דער וואַרשעווער אָפּטיילונג פון דער קולטור־און קונסט־געזעלשאפט און יוגנט־זשורנאל „אויפגאנג".

אויף דעם אָוונט זיינען ארויסגעטרעטן יונגע שרייבער, מוזיקער, זינגער און שוישפּילער.

אויף די שפּאלטן פון „אויפגאנג" — האָבן א טייל פון די יונגע קינסטלער, געמאכט זייערע ערשטע טריט, דער זשורנאל „אויפגאנג" האָט מיטגעהאָלפן אונזערע יונגע שרייבער זיך אויסצולעבן און אנטוויקלען. זייער ערשטער אויפטריט האָט אונז באוויזן אייניקע צוזאָגנדיקע כוחות.

ביי א פול געפּאקטן זאל, עפנט דעם ערשטן אין נאָכמלחמהדיקן ווארשע, קינסטלערישן אָוונט, דער פאָרזיצער פון דער קולטור־און קונסט־געזעלאפט מגר. וואסער. אין קורצע ווערטער ווייזט ער אָן, די באדייטונג פון דעם ערשטן יוגנט־ארויסטריט, פאר דער יידישער באפעלקערונג אין ווארשע.

מיט א קורצע רעדע טרעט ארוים דער רעדאקטאָר פון יוגנט־זשורנאל „אויפגאנג" חבר י. ווארשאווסקי. ער באטאָנט, אז די היינטיקע ווירקלעכקייט פון פאָלקס־דעמאָקראטישן פוילן דערמעגלעכט נישט נאָר דאָס פּראָדוקטיוויזירן זיך פון דער יידישער יוגנט, נאָר אויך איר קולטורעלע און קינסטלערישע אנטוויקלונג. ס'האָט זיך געדוכט, אז נאָך דער גרויסער טראגעדיע פון אונזער פאָלק, וועט שוין קיין יידיש לעבן נישט זיין, אז אונזער קולטור איז שוין אויף אייביק פארשוונדן. די לעבנגעבליבענע יידישע יוגנט מאניפעסטירט מיט איר ארבעט און דערגרייכונגען דאָס אויפקומען פון א ניי געזונט יידיש לעבן.



אַ סצענקע פון „מאָטל פייסי דעם חזנס"

מיט א כאראקטעריסטיק וועגן די שאפונגען פון די יונגע, טרעט ארוים דער פאָרזיצער פון דער קולטור־און פּראָפּאגאנדע־אָפּטיילונג ביים צ.ק. פון די יידן אין פוילן, ח' הערש




וואלף פאסמאניק

# דער פויגל

מקנא דעם פויגל איך בין
וואָס זינגען איז אים נישט פארווערט,
ער זינגט וואָס עס ווילט זיך נאָר אים —
דער וואלד און דער הימל אים הערט.

און מאכט מען אים חרוב זיין נעסט,
צעברעכט מען די צווייגן פון בוים —
דער פויגל האָט פליגל — ער מעסט
מיט זיי אוים די רחבות פון רוים.

דער פויגל פארמאָגט נישט קיין טרערן,
ווי איך איז ער פול בלויז מיט שרעק.
איצט זינגט ער צום מאָרגן שטערן
פון מיין היים, וואָס מיט רויך איז אוועק.

ווי. ה. איוואן

# נאָכן שניט

די שייערס פול געפאַקט
די קו און פערד שוין זאטע.
א שטילע פרייד גייט איצטער אויף
פון פויערישע באטעס.

פון בוידעמס שמעקט מיט פרישן היי
ס'איז האָלק פארגרייט אויף ווינטער.
ארום זיין הויז דער פויער גייט
דער טראָט זיינער איז מונטער.

דאָס פעלד, די קו, ס'איז אלץ דאָך זיינס
נישטאָ שוין מער קיין פאנעס.
וועט קלינגען העכער איצט זיין ליד,
אוי דאנא, דאנא, דאנא".

* * *

און דאָרט, ווו ס'האָט דער דייטש אמאָל
זיין רויבער טרוים געשפינען,
גייט אויף אויפסניי א ניי געזאנג
א יידישער באגינען.

און ערגעץ אין א דאָרף איך זע.
א ייד שוין אין די יאָרן.
עס האָט זיין פעלד געגעבן אים
ווייץ, און גערשט און קאָרן.

א פארברוינטער פון דער זון,
מיט פעסטקייט זיינע גלידער,
א לויב צו דיר דו ארבעטס-מענטש
פון נייער צייט — דער שמידער.

משה שקליאר

# דריי רויטאַרמייער

ביינאכט, ווען עס צינדן זיך איינצלנע שטערן,
ווערט דער הימל א פאָן, דורכגעלעכערט פון קוילן.
דריי רויטע ארמייער ביי הימל-פאָן שווערן
מיט ביקס און גראנאט צווישן רויכיקע קנוילן—
זיך קיינמאָל צוריק צו בראשית נישט קערן,
נאָר שפאנען אהין, ווו דאָס הארץ האָט באפוילן.
אין נאכטישן טונקל דריי העלע פיגורן,
דריי רויטע ארמייער אין גרויע שינעלן,
רייסן זיך אָפּ פון דעם שטיינערנעם טורעם
און שפאנען אוועק איבער ווארשעווער שוועלן.
אויף יעטוועדער גאס בלייבן רויטלעכע שפורן—
דריי שטערן אויף יעטוועדער גאס זיך צעהעלן.

דריי שטערן אויף חרובע הייזער זיך לויכטן
און ווייזן דעם וועג פאר די רויטע ארמייער.
זיי גייען מיט ווייסלישע טויען באהויכטע,
ביינאכט צווישן חורבות—דריי איינזאמע גייער.
ערגעץ ווו שלאָגן צום הימל נאָך רויכן,
ערגעץ-ווו טליעט פארלאָשענער פייער.
ביי איינעם אין האנט איז פארקוועטשט דער גראנאט
ביים צווייטן איז אָנגעצילט דער אויטאָמאַט,
ביים דריטן צעבראשטשעט די ברוסט—און א שפּיז
איז זיין בליק — דער בליק פון סאָלדאַט.
און ס'לייגט זיך דער ווארשעווער ברוק זיי צו פיס,
פון א בוים זיי געזעגענען רייסט זיך א בלאַט.

סמאָליאר. נאָכן אדורכפירן א געניטן אנאליז פון די באזונדערע שאפונגען, ווייזט דער רעדנער אָן אויף א גאנצע ריי ספּעציפישע דערשיינונגען אין דער נאָכמלחמהדיקער טעמאטיק אין אונזער ליטעראטור, וואָס קומט צום אויסדרוק אויך ביי די מערסטע יונגע שרייבער, דאָס זיינען די פארצווייפלונגס-שטימען, טרויערמאָטיוון, אנטלויפן פון שטאָט און אנדערע, אונטערשטרייכנדיק די פּאָזיטיווע מאָמענטן אין די שאפונגען פון די יונגע אָנפאנגער, וואָס רעדט וועגן אויפבוי פון נייעם לעבן, וועגן פּאַטריאָטיזם און ליבע צום נייעם פּוילן, וועגן ארבעטס-פארמעסט, וועגן טרוימען פאר א שענערן מאָרגן — ווייזט דער רעדנער אָן, אז עס וואקסן יונגע טאלענטן, וועמען מען דאַרף צוהעלפן אין זייער קינסטלערישער אנטוויקלונג.

נאָך דעם רעפעראט פון ח' סמאָליאר קומט דער ליטעראריש-ארטיסטישער טייל.

רבקה קוויאטקאָווסקע לייענט אירס א געדיכט „א תפילה פון געטאָ-ייד", און א פראגמענט פון א גרעסערע ארבעט „לאָדזשער געטאָ".

וו. ה. איוואן לייענט איבער עטלעכע שיינע לידער: „צו א יינגן חבר", „א מאָדנער טאָג", „פרילינגס-מאָטיוון". וו. פּאסמאניק לייענט עטלעכע געדיכטן, „די שטערן פון קרעמל"... דער יונגסטער פון דער שרייבער-גרופּע דער טאלאנטפולער משה שקליאר לייענט צוויי לידער: „די פארבראָכענע הענט פון מיין מאַמע" און „פּראגער מאָנומענט".

די יינגע פידלערין יהודית ווארשאווסקא—שילערין פון ווארשעווער קאָנסערוואטאָריום, טרעט ארויס מיט די שאפונגען: פון יידישן קאָמפּאָזיטאָר בלאָך „בעל שם" און „שפּאנישער טאנץ", פון קאָמפּאָזיטאָר מאנועל דע-פּאָל. איר שפּילן נעמט זייער אוים ביי דעם עולם, וועלכער באשענקט זי מיט לאנג-דויערנדע אפּלאָדיסמענטן און רופט זי ארויס אויף „בים". דאן שפּילט די פידלערין אויף „אנדאלוזער ראָמאנס" פון קאָמפּאָזיטאָר סאראסאטע.

דער באקאנטער פּיאניסט רישארד באקסט באווירקט אלעמען מיט זיין פרעכטיקן שפּילן. „נאָקטורן" פון שאָפּען און צוויי וואלסן ה-מאָל, ציס-מאָל פון שאָפּען. מיט צוויי רעציטאציעס

טרעט ארוים דער געוועזענער שילער פון דער יידישער טעאטראלער שול אין מאָסקווע אברהם ראָזענבאום: האלקינס „טיפע גריבער-רויטער ליים" און א פראגמענט פון „טוביה דער מילכיקער". זיין לייענען מאכט א גוטן איינדרוק אויף אלעמען.

לעאָן ראָווינסקי — זינגט שיין אויף צוויי לידער: „ס'ברענט" פון געבירטיג און א פּארטיזאנער-ליד. צום סוף באווייזט זיך דער דראמ.-קאָלעקטיוו פון דער וראָצלאווער יוגנט-היים מיט שלום-עליכמס „מאָטל פּייסי דעם חזנס". רעזשי מ. שווייליך, כאָרעאָגראַפיע — בערג און פיביך, כאראקטעריזאציע און דעקאָראציע — פּאסמאניק. אין משך פון 40 מינוט, ווײלן זיי דעם עולם. דער זאל איז איבערגענומען מיט דעם פיינעם שפּילן פון דעם יוגנט-קאָלעקטיוו און באשענקט אים מיט לאנג-דויערנדיקע אפּלאָדיסמענטן.

אין אלגעמיין דאַרף געזאָגט ווערן; דער ערשטער אָוונט פון אונזער יונגן קינסטלעריש-ליטעראַרישן נאָכוווקס, איז געווען א געלונגענער.

אמאָליקע סביבה פון דער יידישער קולטור־שעפערישקייט. מיר מוזן פאַרשטיין וואָס עס איז געווען דער כוח פון יידישער קולטור־שעפערישקייט. אין דער ערשטער ריי, איז עס געווען די ספּעציעלע עקאָנאָמישע יידישע פונקציע אין משך פון עטלעכע דורות. פיל יועלן אפשר נישט מסכים זיין מיט דער טעאָריע,



אָבער פאַר יעדן מאַרקסיסט וועט דאָך זיין קלאָר, אַז די יידישע קולטור איז נישט געוואַקסן אויפן הימל נאָר אין אַ ספּעציפישער עקאָנאָמישער יידישער ווירקלעכקייט. די ספּעציפישע יידישע פונקציע האָט זיך נישט געענדיקט מיט דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, זי איז בלויז אַריבער אויף אַן אַנדער פּאָזיציע.

די ספּעציפישע יידישע עקאָנאָמישע פונקציע האָט זיך אָבער געענדיקט מיט דער אַנטוויקלונג פון דער דעמאָקראַטישער ווירטשאַפט. די דעמאָקראַטיע האָט אָפּגעשאַפן אַלע נעגאַטיווע סיבות פון דער יידישער ספּעציפיק. דאָס איז די טבע פון אמתער דעמאָקראַטיע און דאָס איז איר גרויסקייט. ווען מיר האָבן אָבער צו טאָן מיט אידעיש, נאַציאָנאַל שוואַכע עלעמענטן, ווען די דעמאָקראַטיש־עקאָנאָמישע פרייהייט מיט אירע אַלע ברירות טרעפט אָן אויף נאַציאָנאַל און אידעיש אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן הויבט אָן צו ליווערן די סכנה פון אַסימילאַציע. דער כוח פון דער אַסימילאַציע ליגט אין איר סטיכיע, די שוואַכקייט פון דער אַסימילאַציע ליגט אין איר אידעענלאָזיקייט.

צוליב אויסגעדאַכטע, גרינגערע אויסזיכטן צו ווערן אַ „גדול", פאַרלייקענען די אַסימילאַנטן זיך אַליין און זייער אָפּשטאַמונג. זיי זיינען גלייכגילטיק צו פראַגן פון פאָלק, צו זיינע שווערע נאַציאָנאַלע אויפגאַבן. זיי דרייען זיך אויס פון נאַציאָנאַלע אָנשטרענגונג, ווען די אינטערעסן פון פאָלק פאָדערן דאָס. דאָס נישט האָבן לגבי זיך קיין שום נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, דאָס נישט פאַרבינדן זיך מיט דער אָנשטרענגונג פון גאַנצן פאָלק פאַרקלענערט אָן שום ספק דעם אינטעלעקטועלן קאַליבער פון מענטשן. דאָ האָט באַשטימט דער נאַציאָנאַלער שטאָלצער ייד אַן איבערוואָג איבער דעם וואָס פאַרלייקנט זיך. מ'קען פעסטשטעלן, אַז פעלן פון איינוואָרצלונג און אַ נאַציאָנאַלער קולטור גייט אַממערסטן טייל געאָרעמט מיט פעלן פון איינוואָרצלונג אין וואָס פאַר נישט אַנדער קולטור.

די דערפאַרונג פון ראַטנפאַרבאַנד לערנט אונז, אַז דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם, וואָס גיבן אַלע גאַראַנטיעס פאַר פרייע נאַציאָנאַל קולטורעלע אַנטוויקלונג זעען אין דער אַנטוויקלונג אַ באַציונג צו דער אַנטוויקלונג פון קולטור בכלל.

אויב מיר ווילן דעפינירן דעם וועג פון אונזער קאָאָרדינירטער דערציונג און איר איינפלעכטן אין בויונגס־קאַמף פון דער דעמאָקראַטיע, קאָן מען זאָגן: פאַרפעסטיקן דעם פּראָדוקטיוון יידישן ישוב און אַנטוויקלען אַ הויכע נאַציאָנאַל־שעפערישע קולטור. נאָר אין אַ הויכער אַנטוויקלטער נאַציאָנאַלער קולטור וועלן די דעמאָקראַטישע פרייהייטן נישט בילדן קיין אַסימילאַציע־סכנה נאָר פאַרקערט — דערציערישע פּראָבלעמאַטיק.

## דערציונג — אַז אינערלעכער פּראָצעס

מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ שווערער דערציערישער ווירקלעכקייט. ווען מ'וויל אויסגלייכן דעם דערציערישן וועג און באַזייטיקן די שטיינער, דאַרף מען קודם־כל גוט פאַרשטיין דעם פּראָצעס פון פּעדאַגאָגישער /אַרבעט. דערציונג, דאָס איז נישט צוקלעפּן לאָזונגען, נישט אַרויפוואַרפן, אַרויפציען אַ שיכט קולטור פון אויסן. דער דערציונגס־פּראָצעס איז נאָר דעמלט אַ פרוכטברענגנדיקער, ווען ער קומט אין פאַל פון אינערלעכער אַנטוויקלונג, ווען ער איז אַ שטרעבונג צו באַפרייען אינערלעכע כוחות און ווען ער איז אַ פּראָצעס פון אַליין־דערציונג פון דער יוגנט. און בכדי אויפצווועקן אין דער יוגנט די זעלבסטבילדונג וואָס איז אַ גאַנץ קאָמפּליצירטע זאַך, דאַרף מען אוועקשטעלן פאַר איר שטאַרקע אידעאַלן, נאָענטע צו איר נשמה. מ'דאַרף איר דערציען



צו אינערלעכן אויטאָנאָמיע. נאָר דאַן וועט אַנטשטיין דער געפאָדערטער כ"ז אויסצושמידן דעם ווילן און זיך צו שטאַרקן איבער געוווינהייטן, גלייכגילטיקייט, פוילקייט. דער ווילן וועט וועקן צו אַקטיוויטעט, זוכעניש און איניציאַטיוו. דאַן וועט וואַקסן די אידעישע אויפמונטערונג פאַר דער זאַך פון דער דעמאָקראַטיע און די יידישע נאַציאָנאַלע באַדערפעניש. די זאַך פון דעמאָקראַטיע פאָדערט קאַמפּסגרייטקייט, פאָדערט אַ העכערן אידעישן ניוואָ פון יונגטלעכן. און אַ חוץ דעם האָבן מיר אַן אָפּשניט פון אונזער זעלבשטענדיקן קאַמף: דער קאַמף פאַר יידיש נאַצ. צוקונפט. און אויב מיר וועלן נישט שטיין אויף דער וואַך וועלן מיר שנעל לייזן אַלע פראַגן דורך ליקווידירן דעם אָביעקט.

וואָס באַטייט די דאָזיקע אויפגאַבע אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט מיט דעם יידישן יונגטלעכן: לערנען די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור, לערנען די געשיכטע פון פאָלק און זיין פּראָבלעמאַטיק — די פּראָבלעמאַטיק פון ארץ־ישראל, פון אַלע יידישע ישובים אין דער וועלט. און מיר, דערציער, מוזן קאָנען די אַלע אַרבעטן פאַרוואַנדלען אין אַ זאַך פון ליבע און אַמביציע. מיר מוזן זיי פאַרזיכערן די מעגלעכקייט צו דערוואַרבן טיפע קענטעניש פון די אַלע פּראָבלעמען, זיי זאָלן קאָנען טרינקען פון דעם אַלטן קוואַל און שעפּן כוח. זיי זאָלן זיך פילן שטאַרק און רויק, זיי זאָלן אויסגלייכן דעם רוקן און זעען, אַז מיר האָבן זיך נישט מיט וואָס צו שעמען, אַז מיר זיינען נישט מינדערווערטיקע, פון צווייטער אָדער דריטער ראַנג אין דער קולטור־משפּחה, נאָר גלייכע שותּפים אין די קולטורן פון דער וועלט. לאָמיר זיי לערנען נישט צו רעזיגנירן פון די פאָלקסווערטן, פון וועלכע עס האָט געשעפּט פולע הויפנס די גאַנצע מענטשהייט.

קאָנקרעטע מיטלען און מעטאָדן פעלן נישט צו דעם צוועק. מ'קאָן שאַפן אַ קרייז פון שפּראַך־ליבהאָבער, אַ קרייז פון ליטעראַטור־קענער, ליטעראַרישע אָוונטן, פאָרשטעלונגען א.א.וו. זייער אַ גוטער מעטאָד איז אַ משפּט אָדער אַנאַליז איבער העלדן פון ביכער.

## יוגנט־קולטור

נאָר אַ דערציערישע אַטמאָספער קאָן שאַפן אָט דעם וויכטיקן דערציערישן פאַקטאָר, וואָס הייסט יוגנט־קולטור פון דער יוגנט געזעלשאַפט. די קולטור קאָן אויפשטיין נאָר אויפן יסוד פון אינערלעכן ברויזנדן לעבן און אויפן יסוד פון עטישע פאָדערונגען פון מענטשן. זי דריקט זיך אויס נישט אין דער שכלדיקער שאַפונג, נאָר אין אַ לעבנס־קולטור, אין מנהגים און אויפפירונג, אין באַציונג צום צווייטן חבר און שיינע דערהויבענע באַציונג צום צווייטן מאַן. דער אויסערלעכער אויסדרוק פון באַזעסענע יוגנט־קולטור דאַרף זיין פּשטות און עניות, וואָס זיינען אַן אויסדרוק פון אינערלעכן רייכן לעבן און קולטור פון פּרט. די יוגנט געזעלשאַפט און יוגנט־קולטור איז אַ באַזיס, פון וועלכן עס קאָן אַרויסוואַקסן אַ נייער טיפּ פון אַ יינגן יידן מיט שטריכן, וואָס פאָדערן זיך אין היינטיקער ברויזנדער און אפשר קריזיס צייט.

דער דערציערישער ציל איז קאָמפּליצירט. מען מוז זיך אויפהויבן און שטאַרקן איבער ניגונגען, וואָס האָבן זיך איינגעוואָרצלט אין אונז אין משך פון דורות, מ'מוז איבערבייטן געוווינהייטן פון קליינבירגערלעכקייט און דערפאַרונגען פון אָקופּאַציע צייט.

מ'מוז איינוואָרצלען נייע ווערטן פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ און באַוווסטזיניקייט פון אַ פּראָגרעסיוון דעמאָקראַטישן בירגער.



די אַרבעט איז אַן אחריותפולע. פון איר איז אָפּהענגיק די צוקונפט פון פאָלק. דאָס אַלץ קאָן מעגלעך זיין צו רעאַליזירן, אויב דער דערציער וועט זיין גרייט צו דער הייליקער אַרבעט. אין זיינע הענט ליגט אַ גאָלדן שליסעלע, זאָל ער עס נישט פאַרלירן אין זיין שווערער טאָגטעגלעכער אַרבעט.




א. קוואַטערקאַ

# אויסשטעלונג פון די יוגנט־היימען אין נידערשלעזיע

אין גרויסן זאל פון דער יידישער באַלעט־שול אין ווראַצלאוו, איז שבת דעם 24־טן יאַנואר געוואָרן דערעפנט די יוגנט־אויסשטעלונג. דאָ זיינען פארטרעטן 9 יוגנט־היימען פון נידערשלעזיע. יוגנטלעכע פון די „אָרט”־שולן



פראַגמענט פון ווראָצלאַווער בירסע

האָבן געבראכט זייערע עקספּאָנאטן, טאבעלן, דיאגראמען, לערן־יינגלעך פון די פאבריקן און קאָאָפּעראטיוון האָבן פאָרגעשטעלט זייערע קאָלעקטיוו ־ אויסגעפירטע ארבעטן. מיידלעך פון די שולן און קורסן האָבן באוויזן זייערע האנט־ארבעטן און צושניידערייי.

דעם אויבנאָן פון דער אויסשטעלונג — פארנעמט די ווראָצלאווער יוגנט־היים. אין דעם פרעכטיק אויסגעשטאַטן פּאוויליאָן זעט איר א פילפארביק בילד פון עקספּאָנאטן — אויסגעפירטע דורך די יוגנטלעכע שילער פון 1־טן און 2־טן שלאָסער־מעכאנישן קורס ביי דער „אָרט”־שול. עס ציען גרוים אויפמערקזאמקייט די פרעציז אויסגעארבעטע מיקראָמעטערס, פראנצויזישע שלעסער, גווינטן, ריגלען, האמערס, וואלצן, צוואנגען, זעגן, טינטערס און אנדערע.

א שטארקן איינדרוק מאכט דאָס מאָדערנע עלעקטריפיצירטע מיניאטור־דערפל „קאָרטשאקאָווא”, אויסגעפירט דורך א קאָלעקטיוו פון „אָרט”־שילער. איר זעט דאָ א דערפל אויפגעבויט לויט דעם לעצטן וואָרט פון דער טעכניק, מיט שיינע, גלייכע געשניטענע 1־שטאָקיקע הייזלעך, אספאלטירטע שאָסייען, א שטעטל מיט קולטור־אינסטיטוציעס; מיט א קינדער־און יוגנט־הויז, שול, פאָלקס־קלוב, קאָאָפּעראטיוו־געוועלב, אלעם עלעקטריפּיצירט, שיין און ציכטיק. אינמיטן פלאַץ שיינט ארויס א גרויסער דענקמאָל פון בראָנז פון דעם אומפארגעסלעכן יוגנט־און קינדער־פריינט יאנוש קאָרטשאק, אויף וועמענס נאָמען עס הייסט דאָס גאנצע דערפל. טוסט א קוועטש ביים קנעפל, באווייזט זיך ליכט אין די הייזלעך, עס לויכטן אויף די לאמטערנעס און ס'באקומט זיך א ווונדערבאר בילד.

די יוגנט־בריגאדע פון דער ווראָצלאווער יוגנט־היים האָט אויסגעשטעלט ספרים און צעבראָכענע יידישע מאטריצן, געפונענע אינטער די חורבות פון ווארשעווער געטאָ.

א באזונדערע אָפּטיילונג שילדערט די קולטורעלע און קינסטלערישע טעטיקייט פון דער יוגנט. פארן 1947 יאָר האָט בלויז די ווראָצלאווער יוגנט־היים אדורכגעפירט: 22 אלגעמיינע פארזאמלונגען, 15 פרעסע־איבערזיכטן, 17 אקאדעמיעס, 8 אלגעמיינע שמועסן, ארויסגעגעבן 17 וואנט־צייטונגען, איינגעאָרדנט 22 קאָלעקטיווע באזוכן אין קינאָ און טעאטער. אויף דער אויסשטעלונג געפינען זיך אלע אויסגאבן פון דער יוגנט־היים: וואנט־צייטונגען אויף יידיש און פּויליש (צו דער פּייערונג איז דערשינען א ספּעציעלער רייכער נומער צייטונג). דאָ זיינען אויך אויסגעשטעלט אלע דאָקומענטן, פּראָטאָקאָלן, מעלדונגען פון דער זעלבסטפארוואלטונג, געריכטס־אקטן פון חברים־געריכט, טאָג־באפעלן פון זומער־קאָלאָניעס און אויספלוגן, אויסגעפילטע אנקעטעס פון דער יוגנט.



יוגנטלעכע פון ראַדיאָ פאַבריק (ריכבאַך)
מאַכן נייע 5 לאָמפּעדיקע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן

א שיין־אילוסטרירטע טאבעלע דערציילט מיט וואָס עס פארנעמט זיך אונזער יוגנט, ווי זיי ארבעטן און לערנען זיך: אין קאָאָפּעראטיוון — 2 יוגנטלעכע, אין מלוכהשע פאבריקן — 9, הויכשולן — 16, מיטל־שולן — 41, פאך־שולן פון „אָרט” — 42. א ספּעציעלע רייכע אָפּטיילונג שילדערט אין וואָרט און אין בילד וועגן לעבן און טעטיקייט פון דער יוגנט־היים, וועגן די דראמאטיש־וואָקאלע ספּאָרט־און מוזיק־קרייזן. א ספּעציעל אָרט איז געווידמעט — די אָפּרופן פון דער יידישער און פּוילישער פּרעסע, וועגן די גרויסע קולטור־און דערציונגס־ארבעט, וואָס עס ווערט ביי דער יוגנט געפירט.

דעם צווייטן זייער אָנגעזעענעם אָרט — פארנעמט דעם פרעכטיקער און עסטעטיש צוגעגרייטער פּאוויליאָן פון דער ריכבאכער יוגנט־היים. דאָ זיינען פארטרעטן די אויסארבעטונגען פון די יוגנטלעכע אין דער מלוכהשער ראדיאָ־פאבריק. — אויסגעצייכנטע 5־לאָמפּיקע ראדיאָ־אפּאראטן פון דער פירמע סופּפער „אנא”. ס'זיינען אויסגעשטעלט קאָנטראָל־אפּאראטן צו ראדיאָ־טעכניק — אויסגעפירט דורך די שילער פון דער „אָרט”־שול. א באזונדער אָרט פארנעמען די מאנופאקטור און טוך־אויסארבעטונגען פון אונזערע יונגע וועבערס אין דער מלוכהשער טעקסטיל־פאבריק. איר האָט דאָ פארטיקע פארשידענע מוסטערן, סחורה־קופּאָנען אויף אנצוגן, פאלטנס און קליידער.

די יוגנטלעכע פון די היגע בערשטער, שטעפּער, שוסטער, שניידער־און וועש־קאָאָפּעראטיוון — האָבן געבראכט זייערע אויסארבעטונגען פון פארשידענערליי בארשטן, קאמאשן, פארטיקע בורקעס, נארטן־שיך, קליידער און וועש.




פראגמענט פון דעם ווראָצלאווער פּאוויליאָן אויף דער יוגנט אויסשטעלונג

# אַ דענקמאָל פון יידישער גבורה אויף דור דורות

די צוגרייטונגען צו די פייערונגען פון 5־טן יאָרטאָג פון ווארשעווער געטאָ־אויפשטאנד זענען אין פולן גאנג.

א דעלעגאציע פון צ.ק. פון די יידן אין פוילן אין באשטאנד פון דירעקטאר קראָשטשאָר און פראָפעסאָר סוזשין האָבן לעצטנס



אַ פראַגמענט פון דענקמאָל

געווילט אין פאריז און אין שטאָקהאָלם אין שייכות מיטן אריבערברענגען דעם גראַניט־שטיין פארן דענקמאָל קיין פוילן.

לויט די אינפאָרמאציעס, וואָס עס האָט איבערגעגעבן פארן פרעזידיום פון צענטראלן קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן דער דיר. קראָשטשאר, זיינען געמאכט געוואָרן אלע באמיונגען, אז די סקולפטור, וואָס וועגט 5.000 קילאָ דארף זיין פארטיק, ארויסצושיקן קיין ווארשע אמשפעטסטנס דעם 10־טן מערץ. די ערשטע טראנספּאָרטן פון גראַניט־שטיינער וועלן ארויסגעשיקט ווערן דעם 15־טן פעברואר, אלע טיילן, וואָס וועלן אָנקומען לויטן פּלאַן ביזן 1־טן אפּריל, וועלן זיין גענוג, פאר פולשטענדיקער רעקונג פון דענקמאָל.

ווי באוווסט האָט היטלער אין 1942 יאָר זיך אָנגעגרייט גרויסע סכומים גראַניט־שטיינער, בכדי צו שטעלן זיין ארמיי זיג־דענקמעלער. די דאָזיקע גראַניט־שטיינער וועלן ווערן אויסגענוצט פארן געטאָ־דענקמאָל.

גרויסע הילף ווייזט ארויס דער יידישער וועלט־קאָנגרעס און זיין פירער אין שטאָקהאָלם, פריינט הלל שטאָרק, די גרויסע אויסגאבן, וואָס זיינען פארבונדן מיטן איינקויפן דעם טייערן גראַניט־שטיין האָט זיך פארפליכטעט צו דעקן דער וועלט־קאָנגרעס. דאָס פוילישע יידנטום איז דערפאר זייער דאנקבאר זיינע שוועדישע ברידער.

צו מיטארבעט ביים פארענדיקן די צוגרייטונגען פון דענקמאָל האָבן זיך געשטעלט: די באקאנטע שוועדישע אינזשיניערן שאקיע און נילסען.

צו די געטאָ־פייערונגען ווערט צוגעגרייט א ספּעציעלע בראָשור. דער אויסגעשריבענער קאָנקורס אויף א קינסטלערישן פּלאַקאַט ווערט פארענדיקט דעם 20־טן פעברואר. ס'ווערט צוגעגרייט אַן אָנדענק־זשעטאָן פאר די אָנטיילנעמער פון די געטאָ־פייערונגען פון לאנד און ס'ווערן פּלאנירט צוויי ביולעטינען אין יידיש



די פאָדערשטע זייט פון פּראָיעקטירטן דענקמאָל

און פויליש פאר דער יידישער פרעסע אין לאנד און אויסלאנד.

אויפן 19־טן אפּריל גרייט דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט אן אויסשטעלונג וועגן מארטירלאָגיע און קאמף פון ווארשעווער געטאָ.

**גיב דיין בייסטייער ביים אויפשטעלן דעם דענקמאָל פון אונזער רום און גבורה!**

# אונזערע יוגנט־פריינט פון יענער זייט אָקעאַן

בעת די באגעגענישן פון אונזער יידישער יוגנט־דעלעגאציע אין פּראָג מיט די דעלעגאציעס פון אנדערע לענדער איז געשלאָסן געוואָרן א הארציקע פריינטשאפט. נאָכן באקענען זיך מיטן יידישן לעבן אין באנייטן פוילן בכלל און מיטן יוגנט־לעבן בפרט, איז דער אינטערעס און נייגיר פון דער אויסלענדישער יוגנט געוואלטיק געוואָקסן צו דעם, וואָס עס קומט ביי אונז פאָר. די אָנגעקניפּטע פארבינדונגען ווערן איצטער פארשטארקט דורך א קעגנזייטיקן אויסטויש פון בריוו און מאטעריאלן. לעצטנס האָבן מיר דערהאלטן א בריוו פון דעם יידישן מיידל גראצע קאָהען פון וואשינגטאָן, וועלכע האָט זיך באקענט אויפן פעסטיוואל אין פּראָג מיט אונזערע חברים פון פוילן.

אָט וואָס זי שרייבט:

„איך האָף, אז איר האָט מיך נאָך נישט פארגעסן, ס'איז שוין א לענגערע צייט, ווי מיר האָבן זיך באקענט. ס'איז געווען אין פּראָג ביי דעם יוגנט־פעסטיוואל, מיר האָבן זיך צוגעזאָגט, אז מיר וועלן שרייבן. איך האָב נישט פריער געשריבן, ווייל איך בין אין אמעריקע אָנגעקומען מיט א פארשפּעטיקונג.

איך האָב גערעדט מיט אנדערע דריי דעלעגאטן (ווארטאָווסקי, ביל און שניידער) נאָך זייער צוריקקומען פון פוילן, דאָס בילד, וואָס זיי האָבן מיר איבערגעגעבן באווייזט, אז עס גייט א ריזיקע בויונג ביי אייך אין לאנד. אייער מוט איז אויסערגעוויינלעך. מיר ווילן אייך העלפן בויען די שיינע וועלט און א שיינע צוקונפט.

ביי אונז ווערט שווערער, ספּעציעל פאר דער פּראָגרעסיווער באוועגונג... אָבער מיר קעמפן אויך".

צום סוף פון איר אינטערעסאנטן בריוו, שרייבט גראצע קאָהען:

„איינע פון אונזערע יוגנט־קרייזן און מיין יוגנט־אָרגאניזאציע, ווילן העלפן עפּעס טאָן פאר אייער יוגנט, דעריבער ווילן מיר האָבן די אדרעסן פון יוגנטלעכע, צו וועלכע מיר זאָלן שרייבן. מיר ווילן זיך דערוויסן מיט וואָס צו העלפן. עס דארפן נישט זיין בלויז יידישע יוגנטלעכע, ווייל אויך אונזערע זיינען נישט אלע קיין יידישע. מיר בעטן אייך אונז ארויסשיקן ארום 50 נעמען מיט אדרעסן פון יוגנטלעכע.

מיר זיינען פאראינטערעסירט ארויסצושיקן אייך שפּייז, ווארעמע קליידער און ביכער. איך בעט אייך שרייבן אין וואָס איר נויטיקט זיך.

איך שיק פאר די פּראָגרעסיווע פוילישע יוגנט הארציקע גרוסן פון דער פּראָגרעסיווער יוגנט אין אמעריקע".

באמערקונג פון רעדאקציע.

די אלע יוגנטלעכע, וועלכע ווילן זיך אָפּרופן אויף דער ווענדונג פון גראצע קאָהען, ווערן געבעטן אריינצושיקן זייערע בריוו אין רעדאקציע, בכדי זיי איבערצושיקן קיין וואשינגטאָן.

# מיר ווילן זיך

## די געזעלשאַפט „ארט" גיט אונז אַ פולע מ

די געזעלשאפט „אָרט", פירט אויס צווישן דער יידישער באפעלקערונג ביי אונז אין לאנד זייער א וויכטיקע און נוצלעכע ארבעט. באשיידן, אָן רעש, אָן רעקלאמע, שולט זי פאכמעניש אויס, הונדערטער יידישע יוגנטלעכע און דערוואקסענע. צענדליקער אויסשולונגס־פונקטן אין פארשידענע שטעט און שטעטלעך אין פוילן גרייטן צו זעלבשטענדיקע און פראָדוקטיוו־נוצלעכע מענטשן.

די געזעלשאפט „אָרט" האָט אָרגאניזירט איבערן לאנד 9 אָפטיילונגען מיט 72 אויסשולונגס־פונקטן (פון זיי 11 מיט א יערלעכן און צוויי־יערלעכן שול־פּראָגראם). אין די שולן און קורסן לערנען זיך 1400 שילער פארשידענע ספעציאליטעטן ווי: שלאָסער־מעכאניק, ראדיאָ־טעכניק, וועבעריי, עלעקטראָ־מעכאניק, לעדער־גאלאנטעריע, צושניידן און שניידעריי, קאמאשנמאכעריי און אנדערע.

א וויכטיק פּלאץ אין דער „אָרט"־טעטיקייט פארנעמט די לאנדווירטשאפט. בביי אויסצושולן הויך־קוואליפיצירטע לאנדווירטן, איז אין פּיעטראָלעשיע (נידערשלעזיע) געעפנט געוואָרן א לאנדווירטשאפטס־קורס פאר יידישע לאנדווירטן. דאָרטן וועלן געהאלטן ווערן לעקציעס וועגן: באָדן־באארבעטונג, בהמות־צוכט, גערטנעריי, סעדעריי, בינען־צוכט און אָרגאניזאציע פון פויערישע ווירטשאפטן. אזעלכע קורסן זיינען אויך געפּלאנט אין די לאנדווירטשאפטס־קאָאָפּעראטיוון אין ריעמטשע און קידלין.

גרויס אכט לייגט דער „אָרט" ביים שאפן ווארשטאטן אין די קינדער־היימען, וואָס דארפן אָפּשפּילן א וויכטיקע ראָל, ביים איינפלאנצן צווישן אונזערע קינדער דעם אינטערעס און ליבע צו פּראקטישער ארבעט.

אין די ארבעטן פון אונזערע יוגנט־היימען שפּילט די געז. „אָרט" א וויכטיקע ראָל.



דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דער נישט לאנג פארענדיקטער אקציע „חודש פון יוגנט־היים" — מען דארף באמערקן, אז דאָרט ווו עס איז פאראן אן „אָרט"־שולע אנטוויקלט זיך סיי די יוגנט־היים, סיי די שול, זיי דערגענצן זיך איינע די אנדערע ביים דערציען א פּראָדוקטיוו־נוצלעכן מענטש פאר דער געזעלשאפט. די אויסשטעלונג פון די יוגנט־היימען אין נידערשלעזיע איז גלייכצייטיק געווען א גרויסע מאניפעסטאציע פאר דעם „אָרט". דאָרטן זיינען פּראָפּאגירט געוואָרן די הויפּטצילן: פּראָדוקטיוויזאציע, איבערשיכטונג און פאך־בילדונג.

אויך די ווארשעווער אָפּטיילונג פון „אָרט" שטייט אין נאָענטן קאָנטאקט מיט דער אָרטיקער יוגנט־היים. אויף א באזוך אין דער „אָרט"־שול האָבן די יוגנטלעכע זיך באקענט מיט די מעטאָדן פון לערנען, מיט די ארבעטס־מכשירים און אפּאראטן.

די ביעלסקער וועבער־שול האָט איינגעאָרדנט א שילער־קאָאָפּעראטיוו. דער קאָאָפּעראטיוו ארבעט דערווייל אויס שאליקעס, און טיכלעך. עס איז פאָרויסגעזען א פּראָדוקציע פון קראוואטן און אנדערע אויסארבעטונגען. די מיטגלידער פון קאָאָפּעראטיוו, באקומען געצאָלט פאר דער אויסגעארבעטער פּראָדוקציע גוט א טאריף, וואָס איז באשטימט דורכן אויפזיכטס־ראט. פון דעם ריינעם ריוח גייט 50 פּראָצ. פאר דער זעלבסטפארוואלטונג. דאָס איבעריקע אויף צו פארגרעסערן דעם אומזאץ־קאפּיטאל פון דעם קאָאָפּעראטיוו.

אין דער שלאָסער־מעכאנישער שול אין ביטאָם, נעמט די זעלבסטפארוואלטונג, אן אקטיוון אָנטייל, די זעלבסטפארוואלטונג זאָרגט, אז דער שול־רעגולאמין זאָל אָפּגעהיטן ווערן. און אז די שילער זאָלן זיין דיסציפּלינירט. די זעלבסטפארוואלטונג, בשותּפות מיט דער לייטונג, אָרגאניזירט דעם ארבעטס־געציג און ארבעטס־פּראָמעסט. אין

## מיר מוזן זיך דערווסן דעם



ראַדיאָ־שול פון „

דער שול איז אויך פאראן א זעלבסט־בילדונגס־קרייז.

אין דער אקציע פאר פּרעמירן גוטע שילער - - נעמט די זעלבסטפארוואלטונג אן אקטיוון אָנטייל. צו דעם צוועק איז אָרגאניזירט געוואָרן א זעלבסט־הילפס־קאסע. די קאסע ווערט פארגרעסערט דורך די געלטער, וואָס פליסן אריין פון די באשטעלונגען און צוטיילונגען פון „אָרט" פאר קאטאָוויץ. מיר וואָלטן נאָך געקענט אויסרעכענען א רייע אנדערע שולן און קורסן אין וואלבזשיך, שטשעטשין, ביעלאווע, קראָקע, קאטאָוויץ. אומעטום ווערט געפירט א וויכטיקע, סיסטעמאטישע ארבעט, ביי דער פאכמענישער אויסבילדונג פון אונזער יוגנט.



# לערנען א פאַך

## עגלעכקייט פון פאַכמענישער אויסשולונג

דער קאָנטאַקט פון „אָרט״ מיט אירע שי־לער, ווערט נישט איבערגעריסן; מיטן מאָמענט פון ענדיקן די עקזאַמענס. די גנעזעלשאַפט „אָרט״ האַלט אָן א שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די, וואָס האָבן פאַרענדיקט די שולן און קורסן, העלפט זיי איינאָרדענען אויף אַרבעט און דערמעגלעכט די דער־גענצונג פון זייערע פאַך־קוואַליפיקאַציעס. דערפאַר האַלט „אָרט״ אָן קאָנטאַקטן מיט פאַרשידענע אַרבעטס־פּלעצער, ווו עס אַר־בעטן „אָרטאָוועצעס״ און אינטערעסירט זיך מיט זייער אַנטוויקלונג.

אָט זיינען עטלעכע בריוו, וואָס באַשטעטיקן דאָס געזאָגטע:

### סור פון ראַדיאָ־אַפּאַראַט



רט״ אין (ריכבאַך)

די מלוכהשע קאָנפעקציע־פאַבריק אין ווראָצלאַוו שרייבט צום „אָרט״: שמעון פעלד־מאַן, אַבסאָלווענט פון „אָרט״ איז זייט מאַי 1947 באַשעפטיקט אַלס עלעקטראָ־מעכאַ־ניק, ער איז א גוטער, פלייסיקער און פּינקט־לעכער אַרבעטער. די אַרבעט פירט ער אויס גענוי און ווערט פון אַלעמען געשעצט״.

„ליבהאַבער יוליאַן, אַרבעט זינט פעברואַר 1947 יאָר אין דער מלוכהשער וואַגאָנען־פאַ־בריק אין ווראָצלאַוו אַלס עלעקטראָ־מעכאַניק, זיין אַרבעט פירט ער אויס פולקאָם צופרידנ־שטעליק און ווייזט אַרויס פיל פאַכקענטעניש״.

די דאָזיקע אָפּרופן און צייגענישן פון מלוכהשע פאַבריקס־אַדמיניסטראַציעס וועגן דער אַרבעט פון אונזער יוגנט, איז די בעס־



טע סאַטיספאַקציע פאַרן „אָרט״ און ווייזט אויף איר גרויסער נוצלעכקייט.

„אָרט״ פירט איר טעטיקייט אין פוילן במשך פון 18 חדשים. דורך דער צייט, האָט זי באַרייכערט מיט א גאַנצע פּלעיאַדע הויך־קוואַליפיצירטע פאַכלייט, אונזער מלוכהשע אינדוסטרי און האַנטווערקעריי. די יידישע יוגנט באַקומט אַדאַנק דער פאַכמענישער אויסשולונג א מעגלעכקייט צו אַרבעטן אין דער שווערער און גרויסער אינדוסטרי. דאָס גע־הערט צו איינע פון די הויפּט־צילן פון דער נאָכמלחמהדיקער טעטיקייט פון דער געז. „אָרט״. דערנענטערן אונזער יוגנט צו טעכ־נישע און מעכאַנישע אַרבעטן — און ווייניקער צו לייכטער מלאכה — דאָס איז די לאָזונג פון די „אָרט״־שולן און קורסן.

די טעטיקייט פון „אָרט״ פאַר אָט דער קורצער צייט, האָט אַרויסגערופן א גרויסן אינטערעס און פאַרשטענדעניש ביי די מלו־כהשע און קאָמונאַלע שול־אָרגאַנען. זייערע אָפּרופן זיינען זייער גינסטיקע און צום לויב פון אונזערע לערער־פּעדאַגאָגן און אינסטרוק־טאָרן.

א באַזונדערן אינטערעס רופט אַרויס די „אָרט״־טעטיקייט אין אויסלאַנד. א דעלע־גאַט פון די אַמעריקאַנער פרויען־אָרגאַניזאַ־ציעס „אָרט״ פרוי רעאַ האַריס, האָט נאָך א באַזוך אין די „אָרט״־שולן אין פוילן און נאָכן באַקענען זיך גענוי מיט דער „אָרט״־טעטיקייט, אָפּגעדרוקט אין די אויסלענדי־שע פּרעסע א גרעסערע קאָרעספּאָנדענץ ווו זי שרייבט צווישן אַנדערן:

„איך בין געווען צופרידן פון דער גו־טער אָרגאַניזאַציע, וואָס מיר האָבן אין פוילן, דער פעיקער און איבערגעגעבענער פּערסאָנאַל פון פּעדאַגאָגן און אַדמיני־סטראַטאָרן איז משפיע אויף דער שילער־מאַסע און קומט צום אויסדרוק אין דער פלייסיקער אַרבעט פון די שילער און זייער שטרעבן צו וויסן, צו פאַך־קענטעניש. יעדע שול האָט אָן איינגאַרטיקן כאַראַקטער, איינ־אַרטיקע מעלות. די דאָזיקע גוטע איינדרוקן וועלן פאַרבלייבן אויף תמיד נישט פאַרגעסן ביי מיר אין האַרצן.

איך בין געווען אַדורכגעדרונגען מיט גרויס רעספּעקט פון דעם וויטאַליטעט און האָפענונ־גען, וואָס אונזער פאָלק, ווייזט אַרויס ביים צוריקאויפבוי פון א יידיש לעבן אין נייעם פוילן״.

דער „אָרט״ אין פוילן פאַרנעמט איינע פון די בכבודיקסטע ערטער איז דער „אָרט״־טעטיקייט אין **אייראָפּע. לויט דער** צאָל שולן און שילער פאַרנעמט דער „אָרט״ אין פוילן, א פריערדיקן פּלאַץ פאַר פראַנקרייך און איטאַליע און איז שטאַרקער אַוואַנסירט פון אַזעלכע לענדער ווי: האָלאַנד, אונגאַרן, טשע־כיע און בולגאַריע.



# בינעם העלער אין פוילן



די יידישע יוגנט אין פוילן פון פאר 1939 האָט בינעם העלערן זייער גוט געקענט פון זיי־נע לידער זאמלונגען „אין אומרו פון טעג“, „אויפן ווינט“ און צענדליקער איינצל־לידער צעוואָרפענע איבער די פארשידנסטע ליטעראַרישע אויסגאַבן.

דער „אומרו פון טעג“, וועלכער איז אויפגע־גאַנגען אזוי פריש און לעבעדיק אין העלערס דיכטונג איז געווען דער אומרו פון דער גרעס־טער טייל פון דער דעמלטיקער יידישער יוגנט. דאָס איז געווען דער אומרו, וואָס זיינע רעאַלע וואָרצלען האָבן געשטעקט אין דעם עקאָנאָמיש, מאָראַלישן און פּאָליטישן קלעם, אין וועלכן עס האָט זיך דעמלט געפונען דאָס יידישע לעבן. און זיין קרוין — די שיינע אידעאַליסטיש־ראָ־מאַנטישע שטרעבונגען און טרוימען וועגן סאָ־ציאַלן און נאַציאָנאַלן יושר אויף דער גאַנצער וועלט, וועגן דעם אויפקום פון א פרייען און ווירדיקן מענטש אין א פרייער און ווירדיקער וועלט. מיט וואונדערלעכער מסירת־נפש האָט די יידישע יוגנט זיך באַ־מיט די דאָזיקע שטרעבונגען און טרוימען צו דעמאָנסטרירן אין דער וויר־קלעכקייט. זיי האָבן רויטע פאָנען ווי פלאַמען געצונדן אויף די ציטערדיקע טראַמוויי־דראָטן, און אין לעבעדיקע זינגענדיקע שטראָמען זיך געלאָזט איבער די יידישע גאַסן פון ווארשע. הע־לער איז געווען איינער פון די, וואָס האָט מיט־געמאַכט דעם דאָזיקן גאַנג. זיין דיכטונג, וואָס האָט אויף דעם אומיטלבאַרסטן אופן, מיט וווּנ־דערלעכער פשטות און יוגנטלעכן גלויבן אויס־געדריקט די ליידן און פריידן די שענסטע האָ־פענונגען און טרוימען פון דעם בעסטן טייל פון אונזער דעמלטיקער יוגנט, איז דעריבער גע־וואָרן דאָס אינטימסטע געזאַנג פון אָט דער יוגנט.

איצט איז בינעם העלער צוריקגעקומען קיין פוילן. די יאָרן פון גרויסן נאַציאָנאַלן אומגליק האָבן זיין ליד געמאַכט ערנסטער, טיפער און רייפער. אונטער דער אויסערלעכער גאַנצקייט און שלימותדיקער קרעפטיקייט פון העלערס וואָרט ליגן איצט אָפּגרונטן פון נאַציאָנאַלן ווייטיק, איבער דעם ציטערט א טונקעלער אומעט — און דאָך איז עס אלץ נאָך פול מיט יוגנט־לעכן גלויבן און ווי אַמאָל איז עס זיכער אין זיג פון אלץ, וואָס איז שיין און אמת.

אונזער יוגנט אין נייעם פרייען פוילן וועט דעריבער ווידער האָבן אין בינעם העלערן זיין אינטימען דיכטער, דעם דיכטער, וואָס וועט אויסדריקן אין זיין ליד די שעפערישע אָנ־שטרענגונג פון דער יידישער יוגנט צו פאַרפעס־טיקן די דערגרייכונגען פון דעמאָקראַטיע און פּראָגרעס.

**בינעם העלער**

## ביים בוג

אָ, ליד מיינס, איך האָב דיך געצוימט!
זיי רויק – פאַר פליגל פון טרוים
פאַראַן איז נאָך שטח גענוג –
דערווייל ליגט געפרוירן דער בוג.

אין בלוילעכן פראָסט ליגט דער טייך –
ס׳איז ברעכן די גרענעץ נישט גלייך
און לויפן – אודאי נישט קלוג,
איצט דאַרף מען פאַרהיטן דעם בוג.

איך ווייס, אַז פאַרשטשעמען די ציין
איז שווער, ווען מען הערט אַ געוויין
פון יענער זייט גרענעץ זיך רוקט,
דאָך דאַרף מען איצט וואַכן ביים בוג.

אָ, ליד מיינס, ווי איך בין דיר ליב!
זיי רויק, דו וועסט איצט געאיבט
צום דרייסטן און זיכערן פלוג
אַריבער דעם בלוילעכן בוג.

די פליגל – אין לייכטן געוויג –
פאַרוואַרפן וועסטו ווי אַ בריק,
ווען דורכגיין וועט דאַרפן אין צוג –
די פרייהייט פאַר יענער זייט בוג.

ביאַליסטאָק 1940

* * *

אַרויס בין איך מיט קינדערישע טריט
דעם סוף פון אַלע סופן צו דערלאַנגען.
ווי שרעקלעך שנעל בין איך צום סאַמע מיט
פון אָט דעם לאַנגן, שווערן וועג דערגאַנגען.

באַדאַרפן האָב איך קומען פון דעם וועג
מיט וווּנדער־מעשיות פון די ווייטע לענדער.
און איך קום איצטער, ווי פון ווילד געיעג
און ביז צום נישט דערקענען שוין געענדערט

און ערגעץ שטייט אַ קינד מיט קליינע הענט,
אין בלאָנדע לאָקן און אין בלויזן העמדל,
און ווייל מיין פנים איז פון צייט פאַרברענט
קוקט דאָס אויף מיר מיט שרעק, ווי אויף
אַ פרעמדן...

אַ סך, אַ סך האָט אויסגעמעקט דער ווינט
אַ סך, אַ סך פון ליבשאַפט אויסגעשטראָכן. –
איך פיל זיך שולדיק בלויז פאַר יענעם קינד,
וואָס כ׳האָב אַזוי פיל גוטס און שיינס
פאַרשפּראָכן.

## אין גרינעם וואלד

איך בין אַמאָל געווען אין גרינעם וואַלד,
איך בין אַמאָל געווען בלויז דריי יאָר אַלט.

מיין קאָפּ – דו גלויבסט נישט? – איז געווען געלאָקט,
דער הימל האָט אַ גאַנצן טאָג געטאָגט.

מיט סאָסנע חאָט געשמעקט די גאַנצע וועלט,
פון אַלע זייטן הימל האָט געהעלט.

געוווּנגען האָט – דו גלויבסט נישט? – יעדע פליג,
דער הימל איז געווען מיין בלויע וויג. – –

איך בין אַמאָל געווען אין גרינעם וואַלד,
איך בין אַמאָל געווען בלויז דריי יאָר אַלט.

און יעדער בוים האָט מיר די הענט געשטרעקט,
און יעדער מינדסטער שאָרך האָט מיך געוועקט.

איך האָב אַליין געזען – דו גלויבסט עס נישט? –
ווי הימל האָט מיט ערד זיך אויסגעמישט.

איך חאָב אַליין געזען, ווי ס׳וואַקסט דאָס גראָז,
און ווי דער הימל ווערט פון ליבשאַפט ראָז.

מיין שרעק – דו גלויבסט נישט? – אין אַ שוואַרצער נאַכט
חאָט אויך אַ הימל שטערן מיר געבראַכט.

און איינגעשטילט האָט מיך מיין מאַמעס האַנט. –
דער חימל האָט געליכטיקט אויפן לאַנד.

דאָס איז געווען אַמאָל אין גרינעם וואַלד,
דאָס איז געווען אַמאָל אין גרינעם וואַלד.

# ראובן זאַלצמאַן צו-גאַסט אין פּוילן



שוין צום צווייטן מאָל באזוכט פּוילן דער איבערגעגעבענער יוגנט־פריינט ראובן זאַלצמאַן. דאָס ערשטע מאָל איז פריינט זאַלצמאַן געווען ביי אונז מיט 17 חדשים צוריק. געקומען איז ער אין די טראגישע טעג פון קעלצער פּאָגראָם. צוזאמען מיט דעם ח' פּ. נאָוויק, האָט ער שוין דאן געגלויבט אין דער אנטוויקלונג און אויפבלי פון א נייעם געזונטן יידישן ישוב. זיין גלויבן האָט זיך פארווירקלעכט. אדאנק דער ערשטער הילף, וואָס ח' זאַלצמאַן האָט געבראכט פון זיין אָרגאניזאציע „פּראטערנאלער יידישער פאָלקס־אָרדן”, פאר דער יידישער יוגנט אין פּוילן, איז געלונגען אויפצובויען א ברייטע נעץ פון יוגנט־אָרגאניזאציעס. היינט האָט אונזער חשובער גאסט צוזאמען מיט אונז זיך געפרייט, זעענדיק אזעלכע גרויסע אויפטוען אין משך פון אזא קורצער צייט. פון איין קליינע יוגנט־היים אין יולי 1946, ווען חבר זאלצמאן האָט באזוכט אונזער ישוב, זיינען מיר אויסגעוואָקסן צו 16 יידישע יוגנט־היימען מיט א צאָל פון איבער טויזנט יוגנטלעכע, פון איינצלנע יידישע סטודענטן אין די הויכשולן צו יענער צייט,— לערנען זיך היינט — 1400 אין די פארשידענע העכערע לערן־אנשטאלטן, פון קליינע שילער־גרופּן — האָבן מיר היינט טויזנט יוגנטלעכע אין די מיטלשולן, עטלעכע הונדערט אין די פאך־שולן, און א גרויסער צאָל יוגנט אין די פאבריקן און ווארשטאטן, קוילנגרובנס און ביי ערד־ארבעט, אינסטיטוציעס און קאָאָפּעראציע. צוזאמען מיט די הערלעכע דערגרייכונגען פון אוגזער שול־וועזן, קינדער־היימען, קאָאָפּעראטיוון. טעאטער, פארלאגס־וועזן און אנדערע קולטור־ווירטשאפטלעכע פּאָזיציעס פון יידישן ישוב — באווייזט דאָס, אז די יידישע באפעלקערונג הויבט אָן א ניי, ליכטיק לעבן. ביי נייע באדינגונגען אין א פאָלקס־דעמאָקראטישער מלוכה.

אויך היינט איז חבר זאלצמאן געקומען קיין פּוילן אין שליחות פון זיין ארגאניזאציע, מיטן ציל צו באקענען זיך מיט דעם יידישן לעבן, צוהערן זיך און צוקוקן זיך צו דעם, וואָס ביי אונז קומט פאָר, און העלפן די ווייטערדיקע אנטוויקלונג פון אונזער ישוב. אין א שמועס מיט די פאָרשטייער פון „אויפגאנג” האָט דער חשובער גאסט זיך געטיילט מיט זיינע איינדרוקן פון היינטיקן פּוילן, שפּאצירנדיק איבער די ווארשעווער גאסן, זאָט ח' זאלצמאַן געזען ווי די שטאָט באקומט וואָס אמאָל מער א שענערן אויסזען, ווי עס וואקסן אוים גייע געביידעס. אין שטאָט פילט זיך די סטאביליזירטע לאגע. דער אומרו און מורא פאר דער רעאקציע איז שוין פארשוואונדן.

ח' זאלצמאן גיט איבער א גרוס פון דער יידישער יוגנט אין אמעריקע — אָרגאניזירט אין יידישן פאָלקס־אָרדן. די יידישע יוגנט בילדעט 50 פּראָצענט פון די אָרטיקע געבוירענע אָרדן־מיטגלידער; א שטארקע אקטיווקייט, ווייזן ארוים די יוגנט־קלובן; זיי אנטוויקלען א ברייטע באוועגונג. לעצטנס איז אָפּגעהאלטן געוואָרן א לאנד־צוזאמענפאָר פון די יוגנט־קלובן אין אמעריקע. אויב פריער האָבן אין די יוגנט־קרייזן געהערשט אסימילאציע־שטימונגען, האָט זיך היינט די לאגע פולקאָם געביטן. די יוגנט הייבט זיך אָן אלץ מער פארנעמען מיט יידישע פּראָבלעמען, מיט יידישער קולטור, לערנען זיך די יידישע שפּראך. 135 סטודענטן לערנען זיך אין א יידישן אוניווערסיטעט אין ניו־יאָרק. 30 אביטוריענטן פון אוניווערסיטעט לערנען אלס יידישע לערער אין די שולן. הערשל הארטמאן א 22־יעריקער בחור — אן אביטוריענט פון אוניווערסיטעט — איז היינט א פעיקער יידישער שרייבער, ארבעט מיט אין דער „מאָרגן־פרייהייט”. מיר דערוואַרטן אין קורצן א נייע גרופּע לערער און יידישע זשורנאליסטן. אין 120 יידישע שולן (נאָכמיטאָגשולן) פון דעם יידישן פאָלקס־אָרדן, לערנען זיך איבער 7,000 קינדער, פון דאן גייען זיי שפּעטער אין דעם יידישן אוניווערסיטעט, א טייל פון די שטודירנדיקע יוגנט אין אוניווערסיטעט פארנעמען אן אָרט אין דעם „טעאטער־אנסאמבל” פון פאָלקס־אָרדן. די יוגנט האָט איר אייגענע פּרעסע.

ביי דער „מאָרגן־פרייהייט” הייבט אָן דערשיינען, יעדן זונטיק א קינדער־און יוגנט־ביילאגע. אויך דער זשורנאל „יידישער פראטערנאליסט”, וואָס דערשיינט אין ענגליש, דרוקט אין יעדן נומער א יוגנט־ביילאגע, וואָס באהאנדלט יידישע פּראָבלעמען. א באזונדער אָנגעזעענעם אָרט פארנעמט די יידישע יוגנט אין דעם פּראָפעסיאָנעלן און אין אלגעמיינעם פּאָליטיש־געזעלשאפטלעכן לעבן פון לאנד. אין די באדייטנדסטע פּראָגרעסיווע פּראָפ.פאריינען פארנעמען די יוגנט וויכטיקע פּאָסטנס. די יוגנטלעכע פירן א גרויסע פּאָליטישע און קולטורעלע טעטיקייט.

ביים סוף פון אונזער שמועס דערציילט ח' זאלצמאן, ווי די יידישע באפעלקערונג אין אמעריקע האָט וואַרעם אויפגענומען די באריכטן פון די דריי יוגנטלעכע, וועלכע האָבן באזוכט פּוילן. צוריקקומענדיק פון פּוילן האָבן זיי אָרגאנאזירט באריכטס־פארזאמלונגען סיי פאר יוגנט, סיי פאר עלטערע. אין פארשידענע עקן פון לאנד זיינען געווען אזעלכע מאסן־ארויסטרעטונגען. די יידישע יוגנט אין אמעריקע, האָט מיט גרויס פרייד אויפגענומען דעם גרוס פון דער יוגנט אין פּוילן און צוגעזאָגט העלפן אין דער אויפבוי־ארבעט.

דער חשובער גאסט — ח' זאלצמאן האָט זיך באקענט מיט אונזער יוגנט און קינדער־ארבעט. און וועט העלפן מיט אלע מעגלעכקייטן די שיינע אנטוויקלונג פון אונזער ניי־לעבן.

מיר ווונטשן דעם חשובן גאסט, — דעם איבערגעגעבענעם יוגנט־פריינט, — דערפאָלג אין זיין ארבעט.

א, ק.



ראובן זאלצמאן צווישן אונזערע קינדער.

# שלמה מיכאעלס



ער האָט פאַרמאָגט דריי זעלטענע אייגנשאַפטן: שווונג, גלויבן און זיכערקייט. צוליב די דאָזיקע אייגנשאַפטן האָט אים די יוגנט ליב געהאַט און געשעצט, ווייל דאָס זיינען אויך אירע אייגנשאַפטן, פונקט ווי זיי זיינען אויך די וועזנטלעכע אייגנשאַפטן פון דעם פאָלק און דעם לאַנד, מיט וועלכן מיכאָעלס איז געווען פאַרבונדן מיט די אינטימסטע פעדעם פון זיין פילפאַרביקער נשמה.

ער איז געווען א טרייער זון פון סאָוויעטישן פאָלק און אַן איבערגעגעבענער פאַטריאָט פון סאָוויעטישן לאַנד און גלייכצייטיק איינער פון די בעסטע זין פון יידישן פאָלק, פאַר וועלכן ער איז גרייט געווען צו יעדער צייט אָפּצוגעבן אלע זיינע שעפערישע כוחות. אין דעם איז נישט געווען קיין שום צווייאַיקייט, קיין שום צעשפּאָלטנקייט, פאַרקערט, אין דעם איז נאָך בולטער געקומען צום אויסדרוק די אינערלעכע גאַנצקייט פון זיין טיף דענקנדיקער פערזענלעכקייט, פון זיין גרוים פילנדיק האַרץ און פון זיין קלאָרן ליכטיקן געדאַנק.

דער אמת, אז וואָס מער סאָוויעטישער פאַטריאָט, אַלץ מער ייִד, ווי אויך פאַרקערט, וואָס קלוגער און פאַרנונפטיקער, וואָס ווייטזעעוודיקער און מסירת־נפשדיקער עס איז די ליבע צום יידישן פאָלק, אַלץ דויערהאַפטיקער און מסירת־נפשדיקער איז אויך די ליבע צום לאַנד פון פעלקער־פריינטשאַפט און קעגנזייטיקער נאַציאָנאַלער אכטונג — צום ראַטפאַרבאַנד. מיט דעם אמת, וואָס דאָס לעבן פאַר דער לעצטער צייט פילט אָן אַלץ מער [illegible]ן מער מיט רעאַלן אינהאַלט פון קאָנקרעטע איבערצייגנדיקע געשעענישן, איז דורך מיכאָעלסן פאַרקערפּערט געוואָרן אויף יעדן געביט פון זיין פילזייטיקער שעפערישער טעטיקייט.

א דאַנק דעמדאָזיקן אמת האָט ער, אלס רעזשיסאָר און אַקטיאָר, אַנטפּלעקט אין יידישן טעאַטער די דערהויבענע מענטשלעכע ווערטן פון דער יידישער קלאַסיק, פאַרבינדנדיק דאָס פאָלקישע און נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע ביי מענדעלען און שלום־עליכמען מיט דעם אַלמענטשלעך־פּראָגרעסיוון פון אונדזער צייט. דעם טיפּאַזש פון אונזערע קלאַסיקער האָט ער באַפרייט פון ענגען שטייגעריזם, אין וועלכן עס האָבן אים געוואָלט איינקלאַמערן געוויסע קרייזן, כדי אָפּצוטעמפּן זיין טיף רעוואָלוציאָניזירנדיקע ווירקונג, וועלכע ער איז אימשטאַנד געווען אויסצואיבן אויף דעם ווייטערדיקן גאַנג פון אונזער ליטעראַטור. סיי בנימין, סיי טוביה דער מילכיקער, סיי אַנדערע העלדן פון אונזער קלאַסיק האָבן צום ערשטן מאָל אין מאָסקווער יידישן מלוכהשן טעאַטער אין דער קרעאַציע פון שלמה מיכאָעלסן אויסגעטאָן זייער ביליקן לבוש פון קליינשטעטלדיקע קאָמעדיאַלע פיגורן און זיך פאַרוואַנדלט אין טיפּישע פאָרשטייער פון גאַנצע שיכטן, אין סימבאָלן פון געשיכטלעכע צייט־אָפּשניטן, אויסוואַקסנדיק צו נאַציאָנאַל־פאַרטיפטע געשטאַלטן פון אַלמענטשלעכן באַדייט.

מיכאָעלס אינערלעכע באַזיניקטע גאַנצקייט, דער נאַטירלעכער באַהעפט אין אים [illegible]ישן פאַרטיפטער ייִדישקייט און פּראָגרעסיווער מענטשלעכקייט האָט זיין שיין און באַפליגלט וואָרט אָנגעפולט מיט שווונג און אינהאַלט. די באַצווינגענדיקע קראַפט פון אָט דעם וואָרט איז געווען איינגעהילט אין אַזאַ שלימותדיקער פאָרם, אַז עס האָט אונז גלייכצייטיק איבערצייגט און דערהויבן, ווייל עס איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם די קראַפט און אינערלעכע האַרמאָניע פון זיין לאַנד.

די דאָזיקע אייגנשאַפט פון זיין וואָרט האָט מיכאָעלסן דערהויבן צו א נאַציאָנאַלן טריבון, צו א באַליבטן פירער פון סאָוויעטישן יידנטום.

ס'איז דעריבער מער ווי נאַטירלעך, וואָס אין דער צייט פון דער גרעסטער געפאַר פאַר דעם יידישן פאָלק אלס גאַנצעס, אין די פינצטערע היטלערישע טעג, איז גראָד ער געוואָרן אוועקגעשטעלט אין דער שפּיץ פון דער סאַמע נאַציאָנאַלער און פּראָגרעסיווער אָרגאַניזאַציע פון יידישן פאָלק, פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע, וועלכער איז געוואָרן דער פאַקטישער אָרגאַניזאַטאָר פון מוטיקן קאַמף און העלדישן ווידערשטאַנד פון גאַנצן ייד. פאָלק קעגן היטלערישן באַרבאַריזם. אויף דעם אמט איז מיכאָעלס געוואָרן דער אויסדריקער און רעאַליזירער פון די שטרעבונגען און אָנשטרענגונגען פון גאַנצן פּראָגרעסיוון יידנטום, איז געוואָרן דער פאָנען־טרעגער פון דער יידישער נאַציאָנאַלער און מענטשלעכער ווירדע.

זיין טריומף־רייזע צוזאַמען מיט איציק פעפער קיין אַמעריקע און דער צייט פון דער מלחמה, די אומגעהויערע ווירקונג פון אָט דער רייזע אויף דער פאַרפעסטיקונג פון דעם מוט פון אַלע יידן, ווי אויך אויף דער פאַרשטאַרקונג פון זייער פיזישער און מאָראַלישער ווידערשטאַנדספעיקייט איז דער בעסטער באַווייז דערפון.

מיט דעם פּלוצימדיקן טראַגישן טויט פון שלמה מיכאָעלס האָט דאָס יידישע פאָלק פאַרלוירן איינעם פון זיינע בעסטע און פעיקסטע זין.

כבוד זיין אָנדענק!

ד. ס.

## הונדערט יאָר „קאָמוניסטישער מאַניפעסט"

(סוף פון זייט 4)

נישט אַנדערש באַפרייען, סיידן ער זאָל גלייכצייטיק די גאַנצע געזעלשאַפט אויף שטענדיק באַפרייען פון עקספּלאָאַטאַציע, אונטערדריקונג און קלאַסן־קאַמפּן.

***

דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" לייכט דורך, ווי מיט א פּראָזשעקטאָר דעם גאַנצן מעכאַניזם פון דעם קאַפּיטאַליסטישן ווירטשאַפט־סיסטעם, ער רייסט אַראָפּ פון אים דעם שלייער. מאַרקס ווייזט אָן די קוואַלן און מעגלעכקייטן פון דעם וווּקס פון קאַפּיטאַליזם, פון זיין פונאַנדערשפרייטן זיך.

די שעפער פון דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" שטעלן נישט נאָר פעסט די קרענק, זיי ווייזן אויך אָן די מיטלען און דעם רופא, וועלכער דאַרף באַזייטיקן די קרענק.

„די בורזשואַזיע האָט אָבער נישט נאָר געשמידט דאָס געווער, וואָס דאַרף איר ברענגען דעם טויט; זי האָט אויך געשאַפן די מענטשן, וואָס וועלן דאָס געווער אָנווענדן — די היינטיקע אַרבעטער, די פּראָלעטאַריער".

„פון אַלע קלאַסן, וואָס שטייען ביים היינטיקן טאָג קעגן דער בורזשואַזיע, איז נאָר דער פּראָלעטאַריאַט אַן אמת רעוואָלוציאָנערער קלאַס... דער פּראָלעטאַריאַט פון יעדן לאַנד מוז נאַטירלעך קודם־כל פאַרטיק ווערן מיט זיין אייגענער בורזשואַזיע" —. דער קאַמף, ווייזן אָן די שעפער פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, דאַרף געפירט ווערן ביז „ער ברעכט אויס אין אַן אָפענער רעוואָלוציע, און דער פּראָלעטאַריאַט וואַרפט מיט געוואַלט אַראָפּ די בורזשואַזיע און לייגט דעם פונדאַמענט פון זיין הערשאַפט".

***

מיט 100 יאָר צוריק האָט דער לאָזונג פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" — „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך!" געפונען א פאַרשטענדעניש בלויז ביי א קליינער גרופּע אָנהענגער פון „פאַרבאַנד פון קאָמוניסטן", היינט איז עס דער לאָזונג פון דער גאַנצער פּראָגרעסיווער מענטשהייט, פון מיליאָנען אַרבעטנדיקע, וועלכע זיינען פאַראייניקט קעגן די נייע מלחמה־העצער, קעגן די, וועלכע ווילן צוריקדרייען דאָס ראָד פון דער געשיכטע.

די אומשטערבלעכקייט פון דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", פון דעם „שיר־השירים פונם מאַרקסיזם" (סטאַלין), באַשטייט אין דעם, וואָס עס פאַרקערפּערט מיט זיך די אידעען פון דעם פּראָגרעסיווסטן קלאַס אין דער היינטיקער געזעלשאַפט, באַוועגט מיליאָנען מענטשן און פעלקער. באַהעפט זיי אין איין גרויסער שטרעבונג: אויפבויען א וועלט, א יושרדיקע, אויף סאָציאַליסטישע יסודות.

י. פעדער

הערש סמאָליאַר



# נישטאָ מער גרשון...

מיר זיינען געגאַנגען נאָך זיין לויה און מוראדיק שווער איז געווען אונזער טראָט. מיר האָבן אויף זיך גענומען דעם ארון מיטן לייבטן, אויסגעצערטן גוף און גיידרובט האָט זיך — ס'איז א משא נישט צום ־ערטראָגן...

און וואָס אָפטער ס'האָט אין מוח א בריי נעטאָן דער געדאַנק, אַז „נישטאָ מער גרשון", אַלץ טיפער איז געוואָרן דער ווייי פון אונז אַלעמען, וועלכע זיינען צענדליקער יאָרן גע־ווען געוווינט צו האָבן אים שטענדיק לעבן זיך, צום פילן אים נאָענט אפילו דאַן, ווען פאַרצוימטע גרענעצן און שטורעמדיקע ימים האָבן אונז צעטיילט. און איז די לעצ־טע לאָפּאַטע ערד געוואָרפן געוואָרן אויף דעם פרישן קבר־בערגל, האָט זיך נאָך אַלץ גלויבן נישט געוואָלט, אַז מער קיינמאָל וועלן מיר שוין נישט דערהערן דאָס פלאַמיקע וואָרט פונם עכטן פאָלקס־טריבון גרשון דוא.

***

גרשונס וואָרט!

כ'האָב עס צום ערשטן מאָל דערהערט נאָך זייענדיק א יאַטל פון א יאָר 10. געווען איז עס אין די שווערע טעג פון דער דייטשישע אָקופּאַציע בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. אויסגעוואָקסן אין הונגער, נויט און פּול־שטענדיקער אויסזיכטלאָזיקייט האָט אונזער דור געגאַרט צו דערהערן א וואָרט, וואָס זאָל באַזינגען אונזערע ליידן, וואָס זאָל פאַר אונז עפענען א שפּאַרונע ליכט אין דער געדיכ־טער ארומיקער חשכות.

דאַן האָט פאַר אונז גרשון גערעדט. ווייניק וואָס האָבן מיר, די פרי רייף־געוואָ־רענע מלחמה־יוגנט, פאַרשטאַנען פון זיינע דעמלטיקע רייד. צו אונז האָבן גיכער גע־רעדט זיינע העל־צעפלאַקערטע אויגן, וואָס האָבן אָנגעשטעקט מיט גלויבן, מיט גרשונס גלויבן אין א ישועה, וואָס ווע ט, וואָס מוז קומען.

איינס איז אונז, און שוין אויף אייביק, געבליבן אין מוח און אין האַרץ: גרשונס וואָרט וועגן סאָציאַליזם. מיר האָבן אין דעמ־דאָזיקן נייעם דעמלט אַזוי מערקווירדיקן פאַר



אונז וואָרט אַריינגעלייגט אונזער טרוים וועגן ברידערלעכקייט צווישן מענטשן, וואָס איצט שלאָגן זיי איינער דעם צווייטן, קוילען זיך און האָבן זיך פיינט. און ס'איז גענוג געווען דאָסדאָזיקע וואָרט גרשונס, כדי אונז, ווי הונדערטער און טויזנטער אונזערס גלייכן, צו באַהעפטן אויף אייביק מיט דער גרויסער סאָציאַליסטישער קאַמפּס־אַרמיי.

אַזאַ איז געווען דער כוח פון גרשונס וואָרט.

***

געשטאַמט האָט דערדאָזיקער כוח פון דער טיפער איבערצייגונג, אַז נאָך דעם וואָרט מוז אַלס פולשטענדיקע דעקונג קו־מען די טאַט. גיריק נאָך דערדאָזיקער טאַט איז גרשון געקומען צו די רעוואָלוציאָנער־דיסציפּלינירטע אַרבעטער־רייען,

גרשון דוא איז געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע אָרגאַניזאַטאָרן פון דערדאָזי־קער באַפרייערישער טאַט. און זי האָט באַ־טיט: טאָג נאָך טאָג אָרגאַניזירן אַרבעטער־שטרייקן און קאַמפּס־דעמאָנסטראַציעס, פּויערים־אויפברויזן און פאָלקס־אַרויסטרע־טונגען קעגן דעם רעזשים, וואָס האָט גע־האַלטן אין קלעם דאָס פּוילן־לאַנד און אַלע זיינע פעלקער.

ווי פיינלעך־שווער איז דאָס געווען. יע־דער טראָט פון דעם קוועקזילבער־רירעוודיקן גרשונען איז פאַרפאָלגט געווען דורך די שפּיר־הינט פון די קאַפּיטאַליסטיש־פּריצישע הערשער. אין די ענגע קאַמערן פון די פּוי־לישע תפיסות איז אָפט געווען גרשון פאַר־שפּאַרט און נאָך יעדעס מאָל דערזען די פריי, איז נאָך לעבצנדיקער געוואָרן זיין ווילן צו דערנענטערן מיט מעשים דעם טאָג פון אַלעמענס באַפרייונג. די דאָזיקע גיריקייט נאָך דער ממשותדיקער טאַט האָט עס גרשו־נען געבראַכט **אויף די שלאַכט־פעלדער** פון שפּאַניע, ווו ס'האָט זיך פונאַנדערגעפלאַ־קערט דער גרויסער געראַנגל מיט די פאַ־שיסטישע **האָרדעס.**

אין אים, אין גרשונען, האָט זיך וווּנדער־באַר באַהעפט וואָרט און טאַט.

***

נישט נאָך קיין שכר פאַר צענדליקער יאָרן רעוואָלוציאָנערער מי איז גרשון צוריקגעקו־מען אין זיין באַפרייט היימלאַנד פּוילן. קוים האָט ער נאָר באַוויזן די פיס אַראָפּשטעלן פון שיף, און שוין איז ער „א הינער" — אָט ווי גאָרנישט קיין צענדליק יאָר וואָלט אַוועק פון זיין אומרויק־רעוואָלוציאָנערן וואַנדערן איבער דער וועלט. חדשים בלויז איז ער גע־ווען מיט אונז צוזאַמען און יוו א יידישער קיבוץ אין אונזער נייעם פּוילן האָט מען גרשו־נען געקענט, האָט מען גרשונס שטימע גע־הערט, האָט מען גרשונס טאַט — שוין נישט קיין שטירצנדיקע, נאָר א בויענדיקע — מיט באַוווּנדערונג נאָכגעפאָלגט.

— אַזוי יונג, ווי געווען! — האָבן אַלטע חברים מיט התפּעלות באַשטעטיקט און אין די הערצער זיינען געוואַקסן די האָפענונגען אויף נאָך א האַסטיקערן שטייט פון אונזער נייעם יידישן לעבן אינם נייעם פּוילן.

***

מיר זיינען געגאַנגען נאָך גרשונס לויה און פאַר אונזערע אויגן האָבן מיר געהאַט די שטייף־אָנגעשטרענגטע פּנימער פון עקשנות־דיק האַרטע מענטשן. געווען זיינען אויך גאָר יונגע, ממש קינדער, וואָס האָבן אין די לעצ־טע חדשים גרשונען צום ערשטן מאָל דער־קענט.

אין זיי איז אונזער טרייסט. אין זיי, וואָס דאַרפן און וועלן אויסוואַקסן מיט אַזעלכע טיף־גלויביקע נשמות, מיט אַזעלכע שטאָל־פעסטע ווילנס, מיט אַזאַ גרשונישער גיריקייט נאָך טאַט, נאָך מעשים.

גרשון איז עס ווערט געווען, אַז אונ־זער יוגנט זאָל זיך ווינטשן:

— זיין, אַזוי ווי גרשון!



גרשונס לעצטע ווערטער צו דער יוגנט... (אויפן יוגנט־פעסטיוואַל אין וורָאצלאַוו)

# יידיש טעאַטער —

ווי האלט עס מיטן יידישן טעאטער ביי אונז אין פוילן?

אין פוילן עקזיסטירן צוויי יידישע סטאַבילע טעאטערן, איינס אין לאָדזש און דאָס צווייטע אין נידערשלעזיע. יעדעס טעאטער האָט זיין קינסטלערישע לייטונג און זיין אָנגעצייכנטן טעאטראַלן זשאנר. די געזעלשאפטלעכע הילף און אויפזיכט איבער די יידישע טעאטערן, איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם טעאטער־ראט ביים צ.ק. פון יידן אין פוילן.

## לאָדזשער יידישער טעאַטער

דאָס לאָדזשער יידישע טעאטער איז נאָך דער רעאָרגאניזאציע באשטימט געוואָרן, ווי א טעאטער פאר רעווי, קליינקונסט און מוזיקאַלישע קאָמעדיע. די קינסטלערישע לייטונג פון טעאטער איז איבערגעגעבן געוואָרן צו דזשיגאַן און שומאכער, וועלכע זיינען שוין פאר דער מלחמה בארימט געווען, ווי מייסטער פון דעם רעווי־און קליינקונסט־זשאנר. דער דאָזיקער זשאנר, וועלכן מען רופט אויך — זשאנר פון קליינע פאָרמען, איז פונקט אזוי וויכטיק פון קינסטלערישן און אידעאישן שטאַנדפונקט, ווי די פאָרם פון דער עטלעכע אקטיקער־דראמע, אָדער קאָמעדיע. זי איז נאָר עטוואָס מער קאָמפּליצירט, ווייל אין דער קורצער סצענקע דארף געגעבן ווערן, מיט קינסטלערישן צימצום, דער סאמע וועזנטלעכסטער כאראקטער־שטריך פון דעם טיפּ, אָדער סיטואציע. עס זיינען פאראַן מאָלער, וואָס ספּעציאליזירן זיך אין דער מיניאטור־צייכענונג. אבער דאָס באַפרייט זיי נישט פון אלט־קינסטלערישע געזעצן, וועלכע זיינען חל אויך אויף צייכענונגען פון גרויסן פאָרמאט. אין עבטער קליינקונסט איז אלץ אויסגערעכנט אויף דעם עיקר־מאָמענט פון אקטיאָרישן שפּיל, ווייל דאָ האָט דער שוישפּילער נישט קיין מעגלעכקייט, ווי אין דער דראמע, אָדער קאָמעדיע צו אנטוויקלען דאָס געשטאלט פון זיין העלד בהדרגהדיק אין משך פון עטלעכע אקטן.

רעווי און קליינקונסט קאָן אויך נענטער צוגיין צו דער אקטועלער טעמאטיק, צו פראגן פון טאָג־טעגלעכן לעבן, צו שטימונגען וואָס הערשן אין דער געזעלשאפט. דעריבער דארף די קליינקונסט־פאָרם אין א גרויסער מאָס אויסגענוצט ווערן דורך דראמאטישע קרייזן, וועלכע דארפן נאטירלעך אָפּהיטן דעם געהעריקן קינסטלערישן ניוואָ.

וויט זייער צוריקקומען קיין פוילן האָבן דזשיגאַן און שומאכער געוויזן דריי פּראָגראמען: „אבי מען זעט זיך”, „נו, און וואָס ווייטער?” און „זינגענדיק און טאנצענדיק”. אינם ערשטן פּראָגראם האָבן מיר שוין די געלעגנהייט געהאט צו זען, נישט בלויז די אקטיאָרישע מייסטערשאפט פון די אויספירער — דזשיגאַן און שומאכער — נאָר אויך דעם ערנסטן רעזשיסערישן פארטראכט פון פּראָגראם. עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דער אינטימער קאָנטאקט מיטן פּובליקום, וואָס האָט אָפּטמאָל געשאפן דעם איינדרוק פון אימפּראָוויזאציע און איז אין דער אמתן געקומען אדאנק א גרויסער קינסטלערישער אָנשטרענגונג. עס האָט זיך תיכף דערפילט א טעאטראלע קולטור־אטמאָספערע, וועלכע איז אויך געווען אין צווייטן פּראָגראם. „נו, און וואָס ווייטער?” האָט געהאט א גרויסן דערפאָלג צוליב דער פארביקייט פון פּראָגראם און אקטיאָרישן שפּיל. אין פּראָגראם האָט שוין אָנטיילגענומען א גרעסערער אנסאמבל. דאָ איז דער רעזשיסערישער און אקטיאָרישער פארמעסט פון דזשיגאַן און שומאכער שוין געווען א סך א ברייטערער און מען האָט געקענט פעסטשטעלן די עקזיסטענק־בארעכטיקונג פון דאָזיקן טעאטער, ווי א סטאבילע אינסטיטוציע.



י. שומאַכער אין דער ראָל: שמענדריק ווערט צוריק אַ ייד...



ש. דזשיגאַן

אויך דער דריטער פּראָגראם איז געווען זייער א געלונגענער. עס האָט אָבער אין אים געפעלט די קינסטלערישע אקטואליע, וואָס איז זייער וויכטיק פאר דעם רעווי־טעאטער.

אויסער די רעזשיסערן און אקטיאָרן דזשיגאַן און שומאכער האָט דאָס לאָדזשער טעאטער א גלענצנדיקן אנסאמבל: — דעם ליבלינג שמואל גאָלדשטיין, נתן וואָלפאָוויטש און די זינגערין ראָזא רייסקא. אין טעאטער ווירקן און אנטוויקלען זיך אויך א ריי צוזאָגנדיקע יונגע אקטיאָרישע כוחות: סילוויא טילבאָר, קעטי עפראָן, סאָניא שעפטל, מאָרים סענד, סיליק שטערנפעלד, מ. גרינשטיין א.א. צום אנסאמבל געהערן אויך די אקטיאָרן: מאיר מעלמאַן, ישראל ביאלקאָוויטש, חנה ביאלקאָוויטש און חנה קאָוואלסקא.

דאָס לאָדזשער יידישע טעאטער איז איצט ארויסגעפאָרן אויף א טורנעע קיין נידערשלעזיע, כדי צו באפרידיקן די קולטור־באדערפענישן פון אָרטיקן יידישן עולם.

די רעזשיסערן און אקטיאָרן פון לאָדזשער יידישן טעאטער דזשיגאַן און שומאכער צוזאמען



סצענקע פון „אלבאָם” לינקס — שומאכער רעכטס — ארטיסט וואָלפאָוויטש און שעפטעל

# אין נײַעם פּוילן



אַ סצענע פון דזש. פּריסטליס „ער איז געקומען" אין נידערשלעזישן יידישן טעאַטער

מיטן גאנצן אנסאמבל האָבן געבראַכט דעם יידישן עולם פרייד און גענוס, ווי אויך קינסט־לערישע דערהויבונג.

## דאָס נידערשלעזישע יידישע טעאַטער

דאָס צווייטע יידישע טעאטער אין פּוילן גע־פינט זיך אין נידערשלעזיע און איז באשטימט פאר א דראמאטיש טעאטער.

עס דארף געזאָגט ווערן, אז די אָנפירונג פון דאָזיקן טעאטער האָט ארויסגעוויזן א כסדרדיקע געזונטע אמביציע צו פירן דאָס טעאטער בארג ארויף — אויפן וועג פון ערנסטע פונדאמענטאלע אויפפירונגען פון יידישן און אייראָפּעישן רעפּערטואר.

דאָס נידערשלעזישע יידישע טעאטער האָט זייער וויכטיקע דערגרייכונגען אויף דעם גע־ביט. קודם־כל איז דערגרייכט געוואָרן א סאָלי־דער קולטור־ניוואָ פון די אויפפירונגען. ווען מען זעט, וועלכע עס איז פאָרשטעלונג פון ני־דערשלעזישן טעאטער מוז מען באמערקן די ערנסטקייט פון דער רעזשי און פון אנסאמבל־שפּיל. אין דעם פּרט קאָן זיך דאָס טעאטער פארגלייכן מיט די סאמע בעסטע טעאטער־קאָלעקטיוון אין אונזער יידישער וועלט.

ביז איצט האָט דאָס נידערשלעזישע יידי־שע טעאטער געוויזן 11 פּרעמיערעס. איינע פון די סאמע בעסטע אויפפירונגען „די גרינע פעל־דער" איז די באליבטסטע פּיעסע פון נידער־שלעזישן טעאטער־עולם. און ווירקלעך פאר־מאָגט די פּיעסע פיל חן און ווערט אויסגע־פילט מיט אן ערנסטן אקטיאָרישן פארמעסט.

צו דעם קינסטלערישן וווּקס פון נידער־שלעזישן טעאטער האָט פיל מיטגעהאָלפן די בארימטע אקטריסע אידא קאמינסקא, וועלכע האָט רעזשיסירט און אליין געשפּילט אין עט־לעכע פאָרשטעלונגען. צו די סאמע בעסטע פון זיי געהערט אָן שום ספק: „היינט בײַנאכט" — א פּיעסע וועגן דער פראנצויזישער ווידער־שטאנדס־באוועגונג אין די צייטן פון דער דייט־שישער אָקופּאציע. אידא קאמינסקא האָט אויך געשטעלט גאָלדפאדנס „די צוויי קונילעמל" און רעזשיסירט און געשפּילט די טיטול־ראָל אין „מירעלע אפרת".

א דערגרייכונג פארן יידישן טעאטער אין פּוילן איז אויך געווען די אויפפירונג „ער איז געקומען", וועלכע עס האָט געשטעלט דער פּוילישער רעזשיסער י. וואלדין.

אין דער רשימה פון די אויפפירונגען פון דאָזיקן טעאטער גייט אויך אריין „דער בלוטי־קער שפּאס", „דער אוצר", „די שחיטה" א.א.

אין משך פון דער עקזיסטענץ פון דעם דאָ־זיקן טעאטער לאָזט זיך מערקן א בפירושער קינסטלערישער וווּקס פון אקטיאָרן־קאָלעקטיוו. צום אַנסאַמבל געהערן, אויסער די אָנפירער פון טעאַטער, י. גרודבערג־טורקאָוו, ש. זאק און י. קורלענדער, אויך אזעלכע קרעפטי־קע אקטיאָרן ווי: אסתר פּערלמאַן, ווי־דעצקי, לעווענשטיין, די יונגע טאלאנטירטע תיהלע ראָזענטאל, ר. מײַזלער, אָסאָוויצקי, שוויילעך, לאטאָוויטש, רוט־טארו־קאָוואלסקא, שאפּיר, סטאָלארסקא, די באקאנטע אקטיאָרן: יצחק לגאטאָוויטש, פּרוי לאטאָוויטש, אמזע און אנדערע.

דאָס נידערשלעזישע טעאטער איז איצט געקומען אויף גאסטראָלן קיין לאָדזש און וועט זיך אויף באווייזן פארן ווארשעווער עולם. די טעאטער־אָנפירונג טראָגט זיך ארום מיט נייע פּלענער פון ערנסטע אויפפירונגען, וועלכע וועלן נאָך מער הויבן דעם, אזוי אויך פיינעם, אָנזען פון טעאטער, וואָס איז איינס פון די וויכטיקסטע פּאָזיציעס אין אונזער נייער יידי־שער קולטור־בויאונג.



אידאַ קאַמינסקאַ אַלס „מירעלע אפרת"




עס זיצן: פון רעכטס אויף לינקס. בעטי לאטאָוויטש, תיהלע ראָזענטאַל, חנן לעווינ־שטיין, אסתר פּערלמאַן, יצחק לאטאָוויטש, געניע אמזעל, רות טארו.
עס שטייען: מלך קאַרפּינאָוויטש, יצחק גרובערג־טורקאָוו, שעפּטל זאַק, יעקב קורלענדער, אברהם בלאָט, יוסףווידעצקי דריטע רײ: משה באיעט, מאקס ווארשאווסקי, משה שווייליך, קאראָל לאטאָוויטש, שמעון אָסאָווי־צקי און יוסף הערשל.

פ. זאווידאוויטש

# פאָליטישע נאָטיצן

## ווער צאָלט וועמען רעפּעראַציעס?

גוטע פריינט זיינע גראָד דאָרט, ווו מ׳ריכט זיך אויף זיי אמווינציקסטן.

לעצטנס איז ארויסגעטרעטן מיט א שטאַרקע רעדע קעגן פּוילן לעאָן בלום.

וואָס האָט בלום צו פּוילן?

ער קאָן ווייזט זיך ארויס, נישט פארליידן דייטשלאנדס עוולה. פּוילן האָט „פארכאפּט״ נידערשלעזיע און די דייטשן — נעבעך...

ס׳איז נאָך נישט קיין גאנצע דריי יאָר זינט פראנקרייך איז געוואָרן פריי פון אָט די דייטשן נעבעך, אָבער בלום איז נישט אזוי אָריגינעל מיט זיינע נאָבעלע געפילן...

אלע אָנטיילנעמער פון דער קרימער קאָנפערענץ: רוזוועלט, סטאלין, און טשערטשיל האָבן איינשטימיק באשלאָסן, אז די דייטשן מוזן נאָך זייער מפּלה צאָלן רעפּאראציעס. ס׳איז קלאָר געווען, אז דעקן אלע שאָדנס, וואָס די מלחמה האָט אָנגעמאכט אין אייראָפּע, און ספּעציעל אין ראטנפארבאנד און פּוילן, איז אוממעגלעך, ווייל דאָס וואָלט געהייסן דעקן הונדערטער מיליארדן דאָלאר, דערפאר איז געוואָרן באשטימט, אז דייטשלאנד זאָל פון דער פּראָדוקציע דעקן 20 מיליארד דאָלאר, פון וועלכע 50 פּראָצ. זאָל גיין פאר ראטנפארבאנד און פּוילן. דאָס האָט געדארפט זיין דער מינימום, וואָס זאָל געבן די געליטענע א סאטיספאקציע, און א שטראָף פאר די אונטערצינדער.

אָבער טראָץ דעם אומצווייפלדיקן באַשלוס, אויף וועלכן זיי האָבן זיך אליין אונטערגעשריבן, ווילן איצט אמעריקע און ענגלאנד נישט מסכים זיין, אז ראטנפארבאנד זאָל באַקומען די רעפּעראציעס. דער תירוץ — דייטשלאנד קאָן אמאָל, חס וחלילה, נישט אויסהא[...]ן

(אין דערזעלבער צייט האָט אמעריקע און ענגלאנד ארויסגעשלעפּט פון דייטשלאנד סחורות, פאר וועלכע מ׳האָט „באצאָלט״ מיט מארקן און פארקויפט פאר דאָלארן, פארדינענדיק אין זיי שווערע מיליארדן).

דאָס רחמנות־געפיל צו דייטשלאנד גייט נאָך ווייטער.

דער אויסערן־דעפּארטאמענט האָט לעצטנס פארעפנטלעכט דעם פּראָיעקט פון דער הילף, וואָס דער מארשאל־פּלאַן זעט פאָר פאר אייראָפּע. ווייזט זיך ארויס פון די ציפערן, אז א פערטל פון דער הילף גייט פאר מערב־דייטשלאנד. געגנוג אָנצוווייזן, אז פראנקרייך דאַרף לויט אָט דעם פּלאן באקומען אן ערך 10 פּראָצ. פון דעם, וואָס ס׳באקומט דייטשלאנד אין תבואה. אנדערע זאכן זעען אויס פיל ערגער.

איין העכערער באאמטער פון פראנצויזישן אויסערן־מיניסטעריום, ווען ר׳האָט זיך באַקאנט מיט די ציפערן, האָט נישט אויסגעהאלטן און אויסגעשריגן:

— דאָס צאָלט דאָך אמעריקע רעפּאראציעס דייטשלאנד!

מיט וואָס דערקלערט זיך, וואָס אמעריקע, וועלכע האָט אזא קאלט הארץ פאר די מלחמה־קרבנות אין מזרח־אייראָפּע, איז אזוי ברייט־האַרציק פאר דייטשלאנד, וועלכע האָט 7 יאָר נאָכאנאנד, סיסטעמאטיש, טאָג־איין, טאָג־אויס, א תל געמאכט פון א וועלט?

אין פארשידענע פּעריאָדן פון דער געשיכטע פון די לעצטע 30 יאָר האָט מען שוין געזען עטוואָס ענלעכעס. דער לעצטער פאל איז געווען אין מינכען 1938. אָבער יעדעס מאָל האָבן די פּאָליטיקער איבערגעלעבט אן אנטוישונג: די געשיכטע האָט זיי אויסגעשטעלט א פייג.

מיינען טאקע די מארשאלס, בעווינס און בלומס, אז ד אָ ס מ אָ ל וועט די געשיכטע מאכן פאר זיי אן אויסנאם?

## די לאָנדאָנער קאָנפערענץ און דער שטרייק פון די פראַנצויזישע אַרבעטער

די קאָנפערענץ וועגן שלום־אָפּמאך מיט דייטשלאנד האָט זיך שוין אָט־אָט געדאַרפט אָנהויבן. אלע מיניסטאָרן זיינען שוין אריינגעפאָרן קיין לאָנדאָן — אָבער די ענגלישע און אמעריקאנער צייטונגען זיינען נאָך אלץ פול געווען מיט ארטיקלען, וואָס האָבן „באַוויזן״, אז פון דער קאָנפערענץ וועט גאָרנישט ארויסקומען.

...סזיינען זיך שוין צונויפגעפאָרן אלע מיניסטאָרן, אָבער דער סקעפּטישער טאָן אין דער פּרעסע האָט אלץ נישט אָפּגעלאָזט. מ׳האָט אפילו געוווסט צו דערציילן אין די זשורנאליסטישע קרייזן, אז מארשאל פּאקט נישט אויף די וואליזקעס — ס׳לוינט נישט, ווייל סיי־ווי פאָרט ער גלייך צוריק.

ס׳איז געווען קלאָר, אז די זשורנאליסטן שרייבן נישט פון הוילן פּאַס: אז די אמעריקאנער און ענגלישע אויסערן־מיניסטאָרן, וועגן וועלכע מ׳האָט געשמועסט, אז זיי האָבן געשלאָסן א אָפּמאך, וועגן שאפן א פאראייניקט מערב־דייטשלאנד, פאָרן אויף דער קאָנפערענץ, בכדי זי אויפצורייסן און די זשורנאליסטן האָט מען דערווייל געהייסן מאכן שטימונג...

אָבער ווי אויף צו להכעיס האָט זיך די קאָנפערענץ געצויגן. ס׳איז אדורך איין טאָג נאָך א טאָג, און א וואָך און ס׳האָט זיך שוין אָנגעהויבן די צווייטע...

ס׳איז געוואָרן באשיינפּערלעך, אז עפּעס איז דאָרט קאליע געוואָרן.

וואָס איז פּלוצלינג געשען?

אין פראנקרייך איז אויסגעבראָכן א גענעראל־שטרייק, וועלכער האָט זיך געהאלטן אין איין אויסברייטערן און האָט שוין ארומגענומען אריבער 2 מיליאָן ארבעטער.

וואָס־זשע קאָן עס ארן מארשאלן, אז מ׳קאָן אין פּאריז נישט פאָרן מיטן מעטראָ, אז זיין לימוזינע איז אין אָרדענונג, און ס״ה איז ער נישט אין פּאריז, נאָר אין לאָנדאָן?

אזא טבע האָבן שוין שטרייקן: זיי לאָזן מיניסטאָרן נישט שלאָפן רויק.

ווען מארשאל איז ארויסגעפאָרן פון אמעריקע איז פאר אים אלץ געווען פּשוט, אין לאָנדאָן וועט ער זיך טרעפן מיטן ענגלישן און פראנצויזישן מיניסטער, וועלכע ליגן דאָך ביי אים אין וועסטל־קעשענע, ווייל זיי מוזן דאָך מאָרגן טאקע געהאָלפן ווערן מיטן מארשאל־פּלאן, און געמיינזאם וועט מען באשטימען, אז מ׳מוז גאָרנישט אונטערשרייבן קיין שלום־אָפּמאך. און קוים וועט ראטנפארבאנד נעמען רעדן וועגן יושר, וועגן שלום און נאָך אזעלכע ענלעכע זאכן, קאָן מען זיך מאכן נישט ווויסנדיק: ס׳איז שוין נישט דאָס יאָר 1945 ווען דער „פּראָסטער״ עולם, א פארריסטער פון די אָקאָפּעס און א צעבלוטיקטער פון די פרישע שלאכטן איז געווען אזוי פילבאר אויף יושר, און איז נאָך א באוואָפנטער געווען אין גאס...

אזוי האָט זיך אויסגעפּלאנירט מארשאל, ווען ר׳איז ארויסגעפאָרן פון ניו־יאָרק.

ווי נאָר ר׳איז אָבער אריבערגעטרעטן די אייראָפּעישע שוועל, האָט אים באגעגנט אזא אומגליק: א שטרייק. ס׳בילד האָט זיך גלייך פולשטענדיק געענדערט.

וואָס קומט ארויס, אז בידאָ וועט אונטערשרייבן, וואָס ער, מארשאל וויל, אז מאָרגן קאָנען אָט די ארבעטער זאָגן, אז זיי זיינען נישט מסכים, אז זיי דאנקען פאר דער אמעריקאנער „הילף״ מיט די עצות אלס צולאָג. און ציענדיקט זיך עס מיט פראנקרייך? אין איטאליע האלט אָט־אָט ביים צושטאנדקומען א מעכטיקער פאָלקס־פראָנט קעגן די אויסלענדישע דעה־זאָגער; און אין גריכנלאנד, וויפל מ׳זאָל נישט שיקן, איז אלץ ווי אין א לעכערדיקן זאק — מארקאָס רוקט זיך אלץ ווייטער; אלע אויסזיכטן אויף מזרח־אייראָפּע ווערן צעבלאָזן: אלץ מער און מער דערנענטערן זיך די לענדער און ס׳פארפעסטיקט זיך די פריינטשאפט; און ס״ה מיט ענגלאנד איז מען שוין איינגאנצן זיכער? און מיט דייטשלאנד אליין? די שטרייקן און די קאָנגרעסן! און כינע...

אין סאמע מיטן פון די אונטערהאנדלונגען האָט מארשאל דעריבער אריינגעשיקט קיין פּאריז זיין רעכטע האנט, דעם ה׳ דאלעס, אָט דעמזעלבן, וואָס מאָלאָטאָוו האָט באצייכנט אלס קריגס־העצער נומ. 1, מיט אן אויפגאבע צו דערשטיקן דעם שטרייק.

און דערווייל, ביז וואָס ווען האָט מען דאָך נישט געקענט די קאָנפערענץ אויפרייסן! ווער ווייסט, צי דאלעסן וועט אלץ געלינגען? האָט זיך דעריבער די קאָנפערענץ געצויגן, מאָלאָטאָוו האָט יעדן טאָג געשילדערט דעם אמת אין פּנים אריין, אָבער מ׳האָט געמוזט אויסהאלטן...

ערשט ווען דאָלעס איז צוריקגעקומען מיט דער ידיעה, אז אויף דער פראנצויזישער רעגירונג האָט ער געווירקט, אז זי זאָל „ענערגישער״ דערשטיקן דעם שטרייק, אז ס׳איז אים געלונגען צו צעברעכן די איינקייט אין די ארבעטער־רייען, אז ס׳איז שוין „אלץ אין בעסטן אָרדענונג״, איז אלץ אוועק „נאָרמאל״: דער לאָנדאָנער ראדיאָ האָט שוין דרייסט געמאָלדן, אז די אמעריקאנער און ענגלישע זאָגעס ווערן פאראייניקט, מארשאל האָט זיך שוין נישט געמוזט מער זשענירן און אָפּגעגעבן די געהעריקע דערקלערונג.

די קאָנפערענץ איז געוואָרן אויפגעריסן.

קיין שלום־אָפּמאך מיט דייטשלאנד וועט טאקע נישט זיין, דערפאר וועט אָבער זיין ביזאָניע און טריזאָניע.

צי קאָן שוין אָבער מארשאל איצט שלאָפן רויק, איז א גרויסע פראגע. פּאראט און קאָרופּציע האָבן קיינמאָל נישט געווירקט אויף א לאנגער מעטע.

## „פריינטלעכע" אָרעמס, וואָס שטיקן

פרן דאָלאר האָט מען ביז נישט לאנג געצאָלט אָפיציעל 119 פראנק. נאָך א באשלוס פון פראנצויזישן פארלאמענט איז דער פּריין פון פראנק געוואָרן דעוואלואירט: דער דאָלאר וועט שוין אָפיציעל קאָסטן 214 פראנק און אויפן שווארצן מארק — 350.

פארוואָס האָט דער פראנצויזישער פארלאמענט אליין דעוואלואירט זיין אייגענע וואלוטע? ווייל אזוי האָט געוואָלט דער וואָל-סטריט (אמעריקאנער פינאנסיסטן), און די פראנצויזישע רעגירונג איז העפלעך — זי פאָלגט זיך, פרילינג אָדער זומער וועט זי אפשר באקומען וועלכע ס'איז הילף פון אמעריקע, אָבער פאָלגן מוז זי זיך שוין היינט. אָפיציעל ווערט עס דערקלערט דערמיט, וואָס פראנקרייך וויל האָבן די מעגלעכקייט צו עקספּאָרטירן, אז ס'וועט זיין, הייסט עס, ביליקער דער פראנק, וועלן דאָך זיין ביליקער די פראנצויזישע סחורות, און אזוי ארום וועט מען זי קאָנען פארקויפן אין אויסלאנד און באקומען אויסלענדישע וואליוטע. אָנגעבנדיק דעם אָפיציעלן מאָטיוו פארשוויגט די פראנצויזישע רעגירונג דעם פאקטישן: די פארביליקערונג פון פראנק מאכט פאר אמעריקאנער קאפּיטאליסטן די מעגלעכקייט צו באהערשן דעם פראנצויזישן מארק, און מאכן אינקורצן פון פראנקרייך א האלב-קאָלאָניע פון אמעריקע.

די דעוואלואציע פון פראנק האָט געטראָפן נישט בלויז פראנקרייך. פאקטיש וועט דער פונט אויך דעוואלואירט ווערן. דער שטאָלצער ענגלישער אלביאָן פארקריכט אלץ מער אונטער די נעגל פון רויבערישן אמעריקאנער אימפּעריאליזם, לאָרד אינווערכאַפּעל, דער ענגלישער אמבאסאדאָר אין אמעריקע, האָט אָפּגעהאלטן אין דער אָנוועזנהייט פון טרומאנען א ספּעציעלע קאָנפערענץ מיטן שטאַטס-סעקרעטאר פון די פאריייניקטע שטאטן, ה' לאוועט. דעם חשובן לאָרד האָט מען צוגעזאָגט צו ווירקן אויף פראנקרייך, „צו מאכן אלע באמיונגען", פּאָזיטיוו צו דערליידיקן דעם ענין, אָבער... צוזאָגן און ליב האָבן קאָסט קיין געלט נישט. דעם זעלבן טאָג איז אין פראנצויזישן פארלאמענט דער באשלוס וועגן דעוואלואציע געוואָרן אָנגענומען.

דער קורס פון פונט וועט אלזאָ אויך פאלן כמעט אויף א העלפט: ביז איצט האָט מען פאר א פונט געצאָלט 4,03 דאָלאר און איצט וועט אויסמאכן אן ערך 2,5 דאָלאר, ווייל אויף דער פראנצויזישער בערזע וועט מען אים קאָנען באקומען פאר 860 פראנק.

דער בונד פון ענגלישן און פראנצויזישן אימפּעריאליזם מיטן אמעריקאנישן, וועלכער איז פריער ענלעך געווען אויף א פּאיאַק, וואָס טאנצט אזוי, ווי ס'ציט אים דער אמעריקאנער שטריקל-ציער ווערט אלץ מער ענלעך אויף א בונד פון א שפּין מיט פליגן, וועלכע ראנגלען זיך אין שפּינוועבס.

ענגלאנד און פראנקריך, וועלכע האָבן זיך פארקויפט צום דאָלאר גייען מיט ראשיקע טריט צו א קאטאסטראָפע און שלעפּן מיט זיך מיט אלע קליינע פעלקער, וואָס גייען אונטער זייער דיקטאַט.

די וועלפישע באציונגען צווישן מערב-אייראָפּעישן און אמעריקאנער בלאָק ווערן ספּעציעל בולט ווען מ'פארגלייכט זי מיט די אויפריכטיק פריינטלעכע באציונגען צווישן די לענדער אין מזרח-אייראָפּע מיט די לעצטע אָפּמאכן צווישן די לענדער און ספּעציעל דעם אָפּמאך צווישן פּוילן און ראטנפארבאנד.

## איז עס נישט מערקווירדיק?

א מאָדנע זאך:

אמעריקע האָט אמווינציקסטן געליטן פון דער מלחמה, אויב ס'גייט אין דער צאָל מענטשלעכע קרבנות; אירע רווחים אין דער צייט פון קריג איז שווער אָפּצושאצן: ס'גאנצע בלוט פון אייראָפּע איז געוואָרן דורך די אמעריקאנער קאפּיטאליסטן איבערגעשמאָלצן אין גאָלד. די פארדינסטן פון די אמעריקאנער קאפּיטאליסטן דערגרייכט לעגענדארע סומעס, אָבער אין אמעריקע ווערט אלץ שווערער: די פּרייזן האלטן אין איין שטייגן, ס'מערן זיך די צאָל ארבעטסלאָזע, ס'פארקלענערט זיך דער רעאלער לוין פון די ארבעטנדיקע. צו ניי-יאָר האָט טרומאן אין זיין רעדע צום אמעריקאנער פאָלק געקאָנט בלויז צוזאָגן, אז ער זעט נישט קיין מעגלעכקייט פון פארבעסערונג...

אמעריקע, דאָס רייכסטע לאנד, וואָס וויל באגליקן די גאנצע וועלט מיט „הילף", קאָן נישט פארזיכערן אירע אייגענע בירגער מיט א מענטשלעכן מאָרגן, ווו אן ארבעטער זאָל האָבן א באשיידן, קולטורעל לעבן.

איז עס נישט מערקווירדיק?

ראטנפארבאנד האָט אממערסטן געליטן, אויב ס'גייט אין דער צאָל מענטשלעכע קרבנות: מיליאָנען אומגעקומענע מענער אויף די פראָנטן און מיליאָנען אין הינטערלאנד. די מאטעריעלע היזיקות זיינען בכלל נישט צום דערשאצן: זיי באטרעפן שווערע צענדליקער מיליארדן. צו דעם אלעמען איז נאָכן קריג אין ראטנפארבאנד געווען א טריקעניש, וואָס אזעלכעס איז שוין נישט פארצייכנט געוואָרן איבער 50 יאָר.

און דאָך...

זיינען ערב ניי-יאָר אָפּגעשאפט געוואָרן די קארטן, אין די מאגאזינען האָבן זיך באוויזן סחורות, וויפל מ'דארף נאָר, פאר פּרייזן, וועלכע זיינען 3-2 מאָל ביליקער ווי פריער. שטעט בויען זיך מיט א ראשיקן טעמפּ, דאָס לאנד וואקסט אומאויפהערלעך.

## „פּולווער-פעסער" און נעסטן פון שלום

די באלקאנישע לענדער זיינען געווען דאָס אומרויקסטע ווינקל אויף דער וועלט פון כמה וכמה יאָרן. שטענדיק פלעגן זיך ארומרייסן די סערבן מיט די כאָרוואטן און ביידע צוזאמען מיט די סלאָוון; רומעניען מיט בולגאריע און אזוי ווייטער א.א.וו.. אויף אזוי ווייט, אז דעם באלקאנישן האלב-אינזל האָט מען א נאָמען געגעבן: דער באלקאנישער „פּולווער-פאס". פון דאָרט האָט זיך אויך אָנגעהויבן דער ערשטער וועלט-קריג: אין שטעטל סאראיעוואָ איז דערמאָרדעט געוואָרן דער עסטרייכישער קרוינפרינץ, וואָס ס'איז געוואָרן דער סיגנאל פאר אָנהויבן די וועלט-שחיטה.

איצט איז אויף די באלקאנען געוואָרן רויק. מ'שלאָגט זיך נישט מער. פארקערט: יעדער טאָג ברענגט פרישע ידיעות וועגן אונטערגעשריבענע האנדלס-אָפּמאכן, פריינטשאפטס-אָפּמאכן, קולטורעלע אָפּמאכן און אָפּמאכן וועגן קעגנזייטיקער הילף. ס'פאָרן דעלעגאציעס פון רומעניע קיין יוגאָסלאוויע, פון בולגאריע קיין אונגארן א.א.וו. א.א.וו.; יוגנט-בריגאדעס העלפן זיך געמיינזאם צו אין אויפבוי פון לאנד — מיט איין וואָרט: פארשוונדן דער „אייביקער פּולווער-פאָס".

וואָס איז דאָרט געשען? פארוואָס איז אייביק געווען אומרויק און היינט לעבן זיך די פעלקער אזוי פרידלעך?

איין „קלייניקייט": אין די אלע לענדער מישט זיך מער נישט אריין דער אויסלענדישער און אינלענדישער אימפּעריאליסט: דאָס פאָלק האָט אליין גענומען זיין גורל אין די אייגענע הענט, און דאָס פאָלק וויל א פרידלעך לעבן.

אפשר וועט דורכן שיין פון באלקאנישן האלב-אינזל, וואָס האָט אויפגעהערט צו זיין א „פּולווער-פאַס" און לייכט היינט מיטן ליכט פון פונאנדערבויענדיקע זיך עלעקטראָסטאציעס, זיין לייכטער צו באמערקן דעם מעכאניזם פון פיל „פּולווער-פעסער", וועלכע מיר באאָבאכטן היינט: אין גריכנלאנד, כינע, פּאלעסטינע, אינדיע א.א.וו.

ס'עקזיסטירן נישט קיין פּולווער-פעסער — ס'זיינען דאָ געניטע אונטערצינדער: אָט דאָס איז די לעקציע פון פארשוונדענעם פּולווער-פאס אויפן באלקאנישן האלב-אינזל.

## פייערונגען אין די אַרגענטינער יידישע שולן

צום שלוס פון שול-יאָר זיינען פאָרגעקומען אין ארגענטינע גרויסע קינדער-פייערונגען און טעאטער - פאָרשטעלונגען מיט דער באטייליקונג פון די קינדער פון די יידישע פאָלקס-שולן און מיטל-שולן.

די צענטראלע וועלטלעכע יידישע שול-אָרגאניזאציע האָט איינגעאָרדנט א גרויסן קינדער-ספּעקטאקל אין דער שלום-עליכם-שול.

אין דער אויספירונג האָבן זיך באטייליקט ביז 100 קינדער.

עס איז געשפּילט געוואָרן די אָריגינעלע קינדער-פּיעסע „צווישן גאָלד און פייער" פון דער פראנצויזישער - יידישער שרייבערין רחל מינק און העלען סימאָנע.

די פאָרשטעלונג האָט ארויסגערופן אזא גרויסן אינטערעס און באוואונדערונג ביי די צושויער, אז זי איז צוליב דעם איבערגעחזרט געוואָרן דריי מאָל.

**יידישער יוגנטלעכער, העלף דעם קעמפנדיקן ארץ-ישראל!**

# אַמעריקע היינט אין די אויגן פון אַ יידישן יוגנטלעכן

(אַ בריוו פון ניו־יאָרק)

מיר האָבן באַקומען אַ בריוו, פון אַ יוגנטלעכן יידישן סטודענט, וועלכער האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַזוכן אונזער לאַנד און ספּעציעל זיך צו באַקענען מיטן היגן יידישן יוגנט־לעבן און אַלע זיינע פּראָבלעמען. מיר ברענגען דאָ דעם בריוו אין אַ געקירצטער פאָרם.

„מיר האָבן זיך ענדלעך דערנענטערט צו די אַנדערע יידישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס, אַדאַנק דעם, וואָס מיר ברענגען אַ לעבעדיקן גרוס פון אייך, יידישע יוגנט אין אייראָפּע. ביז איצט איז געווען זייער שווער צוצוקומען צו אַנדערע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס — דורך בויען אונזער אייגענע אָרגאַניזאַציע און דאָס מאַכן איר פאַר אַ וויכטיקן טייל פונם יידישן יוגנט־לעבן דאָ אין לאַנד, האָבן מיר זיך דערשלאָגן צו אייגענער אַנערקענונג. דאָס אַריינברענגען אונזער פּראָגרעסיוון, לינקן עלעמענט אין דעם יידישן יוגנט־לעבן אין דער איצטיקער צייט איז זייער וויכטיק. וויל פּונקט איצט ווערט די העצע קעגן די פּראָגרעסיווע מענטשן אויסגעברייטערט אויך אויף אַן אַנטיסעמיטישן אופן. דאָס באַווייזט דער גאַנצער יידישער יוגנט, אַז אָט די העצע איז געווענדט קעגן די אינטערעסן פון יידישן פאָלק".

איך בין לעצטנס אַרויסגעטרעטן אויף אַ שטאָט־צוזאַמענפאָר פון דער יוגנט־אָפּטיילונג ביים אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס, צו מיין גרויסער איבעראַשונג האָט מען מיך געפרעגט וועגן די לאַגערן אין פּוילן... איך האָב זיי אויפגעקלערט, אַז אין פּוילן זיינען נישט פאַראַן קיין שום לאַגערן, בלויז אין אונזערע אַמעריקאַנישע און בריטישע זאָנעס, זיינען יאָ פאַראַן אַזעלכע.

אויף דעם צוזאַמענפאָר איז אַרויסגעטרעטן אַ רעדנער, וועלכער האָט גערעדט וועגן דער וויכטיקייט פון דעם באַשלוס פון דער „אונ"אָ" וועגן אַ יידישע מלוכה אין ארץ־ישראל, ער האָט אָנגעוויזן, אַז דער גורל פון יידישן פאָלק ליגט אין דער קאָאָפּעראַציע פון אַמעריקע מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד.

זינט דעם היסטאָרישן באַשלוס פון אונאָ האָט דער סאָוויעטן־פאַרבאַנד, באַקומען אַ שטאַרקן אָנזען אין די אויגן פון דער יידישער יוגנט אין לאַנד. כאָטש די העצע קעגן סאָוויעטן־פאַרבאַנד, ווערט וואָס אַמאָל אַלץ ווילדער.

איר האָט מסתמא געהערט, אַז אונזער אָרדן, צוזאַמען מיט אַנדערע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס, איז געשטעמפּלט געוואָרן אַלס סובווערסיווע אָרגאַניזאַציע, (ד.ה. זי וויל אומברענגען די רעגירונג) אין אַ רעגירונגס־ליסטע וואָס איז לעצטנס פאַרעפנטלעכט געוואָרן. אונזער אַרבעט ווערט איצט פיל שווערער. די אַטאַקעס אויף אונז וואַקסן. אָבער דערפאַר מוזן מיר זיך שטאַרקן, בויען די אָרגאַניזאַציע, אַנטקעגנשטעלן דעם וואַקסנדיקן פאַשיזם אַ פאַראייניקטן פראָנט פון דער דעמאָקראַטישער יידישער יוגנט. געמיינזאַם מיט דער דעמאָקראַטישער אַמעריקאַנער יוגנט.

די לעצטע מאַכבעריקע פון דער רעאַקציע — איז אַ פּלאַן פאַר מיליטער־דינסט פאַר דער גאַנצער יוגנט אויף איין יאָר. דאָס וועט זיין דער ערשטער טריט צו אַ מיליטאַריזאַציע פון אַמעריקאַנער אָדער ווי וואַלאַס, האָט אין זיינס אַ רעדע דערקלערט:

„אַ גרויסער טראָט צו פאַשיזם אין אַמעריקע". ביי אונז הייסט דער געזעץ אי.מ.ט. לויט די ווערטער אויף ענגליש „אוניווערסאַלער מיליטער־דינסט". די רעאַקציע פירט אַ גרויסע העץ־קאַמפּאַניע וועגן אַ כלומרשטער „מלחמה־געפאַר", רופנדיק צו אָרגאַניזירן אַ גרויסע אַמעריקאַנער אַרמיי.

מיר גרייטן צו אַ גרויסע אַקציע קעגן דער דאָזיקער רעאַקציאָנערער העצע.

אין אַמעריקע וואַקסט אָן אַן ערנסטער ווירטשאַפטלעכער קריזיס. די הוספות, וואָס די אַרבעטער האָבן זיך אויסגעקעמפּט דורך בלוט אין די לעצטע שטרייקן, ווערן צוריקגענומען דורך די קאַפּיטאַליסטן. דער יקרות אין לאַנד איז זייער גרויס. פּוטער קאָסט אַ דאָלאַר — אַ פונט, אַ טוץ אייער קאָסט אַ דאָלאַר. דאָס איז לויט אונזער רעכענונג אַ געפערלעכער יקרות.

די לוינען פון די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע האַלט מען אין איין שניידן. די גרויסע קאַפּיטאַליסטן זעען דעם אָנוואַקסנדיקן קריזיס. אָבער זיי טוען אַלץ, כדי אָפּצושטויסן אים כאָטש אויף אַ 10 חדשים, ביז די נייע פּרעזידענט־וואַלן. צו הילף דעם מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל קומען די רעכטע פירער פון די פּראָפ.פאַריינען מיט דער שטיצע פון גאַנצן פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט פון דער רעגירונג, ווי פּרעסע, ראַדיאָ, קינאָ, ווילן זיי אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די אומצופרידענע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן. דורך אויפהויבן אַ שרעקלעכע העצע קעגן קאָמוניזם, קעגן סאָוויעטנפאַרבאַנד, דאָס העלפט זיי גאָרנישט. די איינפלוסן פון די קאָמ.פּאַרטיי און פון פּראָגרעסיווע עלעמענטן אויף די פּראָפ.באַוועגונג, האַלטן אין איין וואַקסן.

***

איצט וויל איך אייך מיטטיילן וועגן אונזערע היימישע יידישע ענינים.

אונזער קלוב, דער יידיש־רעדנדיקער, אויפן נאָמען פון פרידמאַן, איז אַרויס מיט אַ הויך־רעדנער (אַ מיקראָפאָן אויף אַן אויטאָ) אויף די גאַסן אין אַ שבת צו נאַכט און זיך אָפּגעשטעלט אין ערטער, באַוווינטע דורך דער יידישער באַפעלקערונג, כדי צו זאַמלען געלט פאַר די יוגנט־אינסטיטוציעס אין פּוילן.

כאָטש עס האָט אָנגעהויבן שטאַרק רעגענען האָבן מיר צ"ב אויף איין אָרט אויף דער „איסט־סאיד", אויף דעלענסי־סטריט, געהאַט אַן עולם פון צוויי־דריי הונדערט מענטשן, וואָס האָבן געגעבן אַ היבשע סומע געלט, פאַר אונזער רעליעף־קאַמפּאַניע. צווישן דער האָרעפּאַשנער איסט־סאידער יידן, האָבן מיר געזאַמלט מער, ווי צווישן די רייכע יידן אין אַנדערע געגנטן פון שטאָט.

מ. וו.

# שלמה מענדעלסאָן

דעם 9 פעברואַר איז אין לאָס־אַנדזשעלעס געשטאָרבן דער באַקאַנטער אַרבעטער־און קולטור־טוער שלמה מענדעלסאָן. דער פאַרשטאָרבענער איז געווען ביזן יאָר 1939 דער סעקרעטאַר פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע (ציש"אָ) און מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד".

שלמה מענדעלסאָן האָט מיט זיין לעבן און טעטיקייט אָפּגעשפּיגלט דעם קולטור־אויפשטייג פון יידישן ישוב אין פּוילן, וועמענס טיפּישסטער פאָרשטייער ער איז געווען. מיט זיין אַקטיוויטעט און איבערגעגעבנקייט האָט ער אָנגעשטעקט די סביבה אַרום זיך, באַגייסטערט און געוועקט צו מעשים.

שלמה מענדעלסאָן איז געווען די פאַרקערפּערונג פון דער קולטור־שעפערישקייט פון די ברייטסטע יידישע מאַסן אין פּוילן און איינער פון די זיילן, אויף וועלכע עס האָט זיך געשטיצט די ברייט־פאַרצווייגטע יידישע קולטור־אַרבעט אין דעם פּוילן פון פאַר 1939. ער האָט פון זיין פרומער היים אַרויסגעטראָגן דעם חסידישן ברען און התלהבות, האָט עס פאַרבונדן מיט דער גרויסער ליבע צו די יידישע פאָלקס־מאַסן און צום יידישן קינד. שלמה בערגעלסאָן האָט זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין קאַמף פאַר דער יידישער שול און ווערק איז געוואָרן די יידיש־וועלטלעכע שול, אין געווען איר אַקטיווסטער בויער. זיין לעבנס־ווערק האָט דערצויגן צענדליקער טויזנטער שילער און הונדערטער לערער — מסירת־נפש־דיקע קעמפער און בויער פון יידישן פאָלקס־לעבן.

שלמה מענדעלסאָן האָט אין אונזער גראָער טאָג־טעגלעכקייט אַריינגעבראַכט דעם גייסט פון דערהויבנקייט און יום־טובדיקייט. ער האָט די קולטור־אַרבעט דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ הייליקער מיסיע און געדינט איר ביז צום לעצטן אָטעם־צוג. ער איז געווען איינער פון די באַגאַבסטע יידישע רעדנער, אַ פּאָלעמיקער טריבון וואָס האָט באַצויבערט, מיטגעריסן און גלייכצייטיק געלערנט זיינע צוהערער. ער איז אויך געווען איינער פון די גלענצנדסטע יידישע פּובליציסטן און מיט זיינע פּרעכטיקע אינהאַלטסרייכע אַרטיקלען באַווירקט די ברייטע לייענער־מאַסן.

שלמה מענדעלסאָן האָט געלערנט דער יידישער מאַסע, זיינע טויזנטער און טויזנטער תלמידים, אַז אין זייערע הענט ליגט דער גורל פון זייער פאָלק און קולטור. ער האָט געוועקט צו דעם דאָזיקן קאַמף פאַר ליכט, דערהויבנקייט און פרייהייט.

ק. שוואַרצמאַן.

אינזש. ס.ראזענבלום

# סטערעאָקינאָ

## נ״עס פון טעכניק

פאר דעם האלבן יאָרהונדערט, וואָס איז אוועק, זינט אין פאריז האָט זיך געעפנט דער ערשטער, אין דער וועלט, קינאָ־טעאַטער „סינעמא״, האָט די קינאָמאטאָגראפיע זיך אלץ מער טעכניש פארפולקאָמט.

און אָט האָט די פילם־קונסט דער־גרייכט אלץ: באוועגונג, קלאנג, קאָליר. וואָס פעלט איר נאָך, דוכט זיך נאָר נײן — עס פעלט נאָך: פּלאסטישקייט, בולטקייט. די בילדער, וואָס מיר זעען אויפן עקראַן, זײנען פלאך, זיי גיבן נישט דעם אײנדרוק פון קערפּערלעכקייט, דעם אזוי־גערופענעם „סטע־רעאָסקאָפּישן עפעקט״ (סטערעאָס) בא־טייט אין גריכיש קערפּערלעך, רוימלעך, „סקאָפּאָ׳ — איך זע). עס זײנען שוין לאנג באקאנט אזוינע פאָטאָגראפישע אפאראטן, וואָס מיט זײער הילף באקומט מען סטערעאָ־בילדער. ביים באטראכטן אזא בילד אין א ספּעציעלן אַפּאראט („סטערעאָסקאָפּ״) זעט מען פאר זיך ממש בולטע, קערפּערלעכע מענטשן, חיות, בוימער א.ד.ג.; פונוואנען נעמט זיך אָט דער סטערעאָפעקט?

„קוק מיט בײדע אויגן׳׳, זאָגט א פאָלקס־ווערטל. ווען מיר קוקן אויף עפּעס א קעגנ־שטאנד, א שטײגער, אויף א שאכטעלע שווע־בעלעך, וואָס מיר האלטן פאר זיך, זעען מיר מיטן רעכטן אויג מער פון דער רעכטער זײט שאכטל, און מיטן לינקן — מער פון דער לינקער זייט. אויפן נעץ־הײטל פון יעדן אויגן באקומט זיך עטוואָס אן אנדער בילד. בײדע אָפּבילדונגען, די וואָס פון רעכטס און די, וואָס פון לינקס, ווערן אײנצייטיק איבערגעגעבן דעם מוח און דאָרט גיסן זיי זיך צונויף, ארויסרופנדיק דעם אײנדרוק פון אײן בולט, פּלאסטיש בילד: מיר זעען דאָס שאכטל שוועבעלעך און זײן ווירקלע־כער לענג, ברייט און גרעב, אין זײן ווירקלע־כער דיסטאנץ לגבי אלץ, וואָס ארום דעם.

דוכט זיך, אז פונדאנען איז שוין בלויז אײן טראָט צו א סטערעאָסקאָפּישן קינאָ: עס איז גענוג, הייסט עס, מאכן 2 פאָטאָס, — פון רעכטס און לינקס, — דערנאָך דערשלאָגן זיך, אז יעדער אויג פונם צושויער זאָל זען אויפן עקראַן בלויז דאָס בילד, וואָס איז באשטימט פאר אָט דעם אויג. דעמלט וועט אויפן נעץ־הײטל פון יעדן אויג אויפקו־מען נאָר „זײן״ בילד, און אין מוח וועלן בײדע בילדער זיך צונויפשמעלצן אין אײן אײנדרוק פון קערפּערלעכקייט.

יאָ, פאָטאָגראפירן א קעגנשטאנד פון צוויי שטאנדפונקטן — פון רעכטס און לינקס — איז, נאטירלעך, נישט שווער. שיקן דער־נאָך אָט די בײדע פאָטאָס אײנצייטיק אויפן עקראַן איז אויך נישט שווער. נאָר וויאזוי צווינגט מען דאָס אויג צו זען אויפן עקראַן דווקא דאָס בילד, וואָס איז באשטימט פאר אים, און נישט זעען דאָס צווייטע בילד, וואָס איז באשטימט פארן צווייטן אויג? די מניעה איז הייסט עס, דערין, וויאזוי צעטײלן, אָפּ־שיידן די בילדער.

טויזנטער דערפינדער אין גאָר דער וועלט האָבן צענדליקער יאָרן זיך געמיט און מיען זיך נאָך איצט צו לייזן אָט דעם פּראָב־לעם. נישט ווייניק שארפזיניקע פאָרשלאָגן זײנען געמאכט געוואָרן. פּראקטיש, כאָטש זייער אין א באגרענעצטער מאָס, איז אָנגע־ווענדט געוואָרן א סיסטעם פון סטערעאָקינאָ, וואָס איז פארבונדן מיט באנוצן ספּעציעלעברילן, וועלכע דארפן דינען אויף אָפּצוטײלן דאָס רעכטע בילד פונם לינקן, אזוינע פּרוּוון זײנען געמאכט געוואָרן, א שטײגער, אויף דער ניו־יאָרקער אינטערנאציאָנאלער אויסשטע־לונג אין 1939 יאָר. שוין אָפּגערעדט וועגן די אומבאקוועמלעכקייטן פארן צושויער, איז דער עפעקט פון דער רעקלאמירטער „ברילן־קינאָ׳ געווען זייער א קנאַפּער.

גאָר אנדערש האָבן זיך גענומען פאר דער לייזונג פון דער דאָזיקער פראגע די סאָוויע־טישע דערפינדער. מיט א יאָר 6 צוריק, ערב דער מלחמה, איז דער סאָוויעטישער וויסנ־שאפט און טעכניק געלונגען אָפּצוהאלטן א מערקווירדיקן זיג — זי האָט געגעבן די ערשטע און אײנציקע אין דער וועלט פּראַק־טישע סיסטעם פון סטערעאָסקאָפּישער קי־נאָ.

דער דערפינדער פון דער ערשטער אין דער וועלט „אָנבריל‌נדיקער׳ סטערעאָקינאָ, איז דער לאורעאט פון דער סטאלין־פּרעמיע, סעמיאָן פּאַװלאָוויטש איוואנאָוו. אײנמאָל, זיצנדיק אין א וואגאָן פון א שנעל־לויפנדיקן צוג און קוקנדיק אויף די אנטקעגנלויפנדיקע שמאָליקע ברעטלעך פון די שנײ ־ שוץ־שילדן פאַזע דער אײזנבאן, האָט חבר איוואַ־נאָוו א טראכט געטאָן, אז ווען מען זאָל פארן קינאָ־עקראַן אוועקשטעלן אזא מין „פּאַרקאַן׳ אָדער „נעץ״ און דערביי ווי געהעריק צוקלייבן די ברייט פון די ווערטיקאלע ברעטלעך און פון זײערע צווישן־רוימען, וואָלט מען זיך גע־קאָנט דערשלאָגן צו א פולער אָפּשיידונג פון בײדע בילדער, וואָס ווערן געשיקט אויפן עקראַן פארן רעכטן און פארן לינקן אויג.

דער דערפינדער האָט זיך ענערגיש גענומען צו דער ארבעט. אָנשטאָט שמאָלע הילצערנע שטאכעטלעך האָט ער באנוצט דיניקן דראָט. עטלעכע צענדליק טויזנט אזעלכע דרעט־לעך זײנען אָנגעצויגן געוואָרן אויף א שווערער מעטאלענער ראָם פון א געוויינלעכן לײוונטע־נעם עקראַן. די נעץ האָט באקומען דעם נאָמען „ראסטער״, אויף לאטײן איז „ראסטרום״ א הראבליע).

דעם 4־טן פעברואר 1941 האָט מען אין קינאָ־טעאטער „מאָסקווא״, אויפן מאיקאָווס־קי־פּלאץ, דעמאָנסטרירט דעם ערשטן אין דער וועלט סטערעאָפילם אויף א ראָסטער־עקראַן. נאָך פיל עקספּערימענטן און גרויסער מי איז געלונגען צו שאפן א נײעם טיפּ עקראַן: אָנשטאָט דרעטלעך, וואָס פארשלינגען א סך ליכט און פאָדערן א שווערע ראָם, ווערן ביי אָט דעם נײעם, „אָפּטישן״, עקראַן פון שפּיגל־גלאָז אָנגעווענדט דינינקע לאנגע גלעזערנע לינזעס, וואָס גיבן א סך מער ליכט און א פיל שטארקערן סטערעאָ־עפעקט.

דער סטערעאָ ־ פילם „ראָבינזאָן קראוזע״, וואָס ווערט דעמאָנסטרירט אינם ערשטן ספּע־ציעל־געשאפענעם אין מאָסקווע טעאטער „סטע־רעאָקינאָ״, מאכט א שטארקן אײנדרוק. אזוי־פיל ליכט, לופט און רוים האָט איר נאָך קײנמאָל נישט געשפּירט און נישט געקאָנט שפּירן אויפן געוויינלעכן „פלאכן״ קינאָ־עק־ראַן . ראָבינזאָן אויפן וויסטן אינזל לאָזט זיך אין די טיפענישן פון דער דזשונגלי, און אייך דוכט, אז איר גייט מיט מיט אים, אז איר זייט אויך מיט אים אין דער טיף פונם ביימער און בלעטער־געפלעכט. איר טאפּט מיט אים צוזאַ־מען אָן די בולטע שטאמען פון די באַמבוק־ביימער. די צווייגן בייגן זיך אייך ממש אי־בערן קאָפּ, זיי רירן אייך שיעור נישט אָן. די פעלזן זײנען פּלאסטיש, די פייגעלעך פליען בוכשטעבלעך דאָ אין זאל, אזוי, אז די צושויער שרייען אָפּט אויס פון איבערראשונג און הנאה. אָט קריכט צו אייך, טאקע גלייך צו אייך, אויף א צווייג, וואָס גרייכט ארײן אין זאל כמעט הארט ביז אייער פּנים, א ווילדע וואלד־קאץ... זי קריכט צו אייך, שטשירעט די ציין, גרייט זיך א שפּרונג טאָן אויף אייך, און איר הייבט אָן אינסטינקטיוו צו רוקן זיך אויף אייער פּלאץ...

די מערקווירדיקע דערפינדונג פונם לאור־רעאט פון דער סטאלין־פּרעמיע ס. פּ. איוואַ־נאָוו עפנט פאר דער קינאָ־קונסט גראנדיעזע פּערספּעקטיוון. די קינאָ פון דער צוקונפט, און בלי ספק פון דער גאָר נאָענטסטער צוקונפט וועט זײן די סטערעאָקינאָ.

## ראַדיאָ־אַפּאַראַטן די גרויס ווי אַ זייגער

פארשידענע דערפינדונגען אויפן געביט פון טעכניק שטייגן פון טאָג צו טאָג. לעצטנס איז דערפינדן געוואָרן א נײער טיפּ ראדיאָ־אפּאראטן, וואָס וועלן ארײנברענגען א רעוואָלוציע אין ראדיאָ־וועזן.

מען גיט איבער, אז אין אנדערהאלבן יאָר על‌ן שוין זײן אויפן מארק ראדאָ־אפּאראטן די גרויס ווי א האנט־זייגער און קורץ־כוואלי־קע זענדערס ווי אן אייביקע פעדער די גרויס. שוין היינט זײנען פאראן פירמעס, וועלכע פארקויפן ראדיאָ־אפּאראטן די גרויס פון א קעסטעלע שוועבעלעך.




# די יוגנט אין דינסט פון פוילן

דעם 27־טן יאנואר 1948 יאָר, האָט דער מיניסטאָרן־ראט אָנגענומען א פּראָיעקט צו א דעקרעט, פון אן אלגעמיינעם פליכט „פון פאך־צוגרייטונג, פיזישע דערציונג און מיליטערישע צוגרייטונג פאר יוגנט", ווי אויך דאָס אָרגאניזירן די פיזישע קולטור און ספּאָרט־באוועגונג. דער פּראָיעקט איז איבערגעגעבן געוואָרן צו דער באהאנדלונג פון סיים.

איינער פון די הויפּט־פונקטן פון דעם פּראָיעקטירטן דעקרעט איז דאָס רופן צום לעבן א נייע אָרגאניזאציע אונטערן נאָמען אלגעמיינע אָרגאניזאציע „אין דינסט פאר פוילן", וועלכע וועט גרופּירן אין אירע רייען די גאנצע פּוילישע יוגנט.

אויף א ווענדונג פון א פּאָרשטייער פון דער פּרעסע, האָט דער פּאָרזיצער פון הויפּט־ראט פון „פארבאנד פון יונגע קעמפער" — גענעראל י. זאזשיצקי געגעבן פּאָלגנדיקע אינפאָרמאציעס: לויט די ביז איצטיקע נישט גענויע ציילונג, האָבן מיר אין לאנד אן ערך 4,5 מיליאָן יוגנט. (ארום 2 מיליאָן יינגלעך און ארום, 2,5 מיליאָן מיידלעך).

ביז איצט איז די יוגנט, נישט געוואָרן אין א געהעריקער מאָס אריינגעצויגן אין פּראָצעס פון אויפבויען דאָס לאנד. די אידעיש־פּאָליטישע יוגנט־אָרגאניזאציעס נעמען ארום צוזאמען אן ערך 1 מיליאָן יוגנטלעכע. די איבעריקע 3,5 מיליאָן אָרגאניזאציאָנעל נישט ארומגענומענע, געפינען זיך, אין דער מערהייט, אויסער דער איינפלוס־ספערע פון די אָרגאניזאציעס, אויסער איר דערציערישער ווירקונג.

אויסער דעם האָבן מיר געהאט א ריי בלויזן אויפן געביט פון פאכמענישע צוגרייטונג און פיזישע דערציונג פון דער יוגנט.

דאָס אויבנגעזאָגטע און די נויטווענדיקייט פון אויסנוצן די רעזערוון פון ארבעטס־כוחות, זיינען געווען די אוממיטלבארע סיבות, פון רופן צום לעבן אזא מאסן־אָרגאניזאציע, ווי עס דארף זיין „אין דינסט פאר פוילן".

אזא טיפּ אָרגאניזאציע איז ביז איצט, אין פוילן נישט געווען. אין א געוויסער מאָס, שטיצט זי זיך אויף די דערגרייכונגען, אויף דעם געביט, פון יוגאָסלאוויע און אין בולגאריע.

עס זיינען אויך געווען געוויסע אייגענע דערפארונגען. צום ביישפּיל: פון די אָרגאניזירטע דורכן „פארבאנד פון יונגע קעמפער" פריוויליקע בריגאדעס פאר אויפבויען ווארשע, פון דער אָרגאניזאציע פון מיליטערישע אגראר־צוגרייטונגען. פיל וויכטיקע אָנווייזן האָט אויך געגעבן דער „יוגנטלעכער ארבעטס־פארמעסט", ווו מען האָט באוויזן צו מאָביליזירן צווישן דער יוגנט דעם אומגעהויערן, ענטוזיאזם. די גוטע רעזולטאטן פון דעם פארמעסט, וועלכער האָט אין דער אינדוסטריע, ארומגענומען איבער 100 טויזנט יוגנטלעכע. האָט דורך איר מאסנהאפטיקייט, אין דעם איבערשטייגן די פּראָדוקציע־נאָרמען, באוויזן, אז דער פאקטאָר פון ענטוזיאזם קען אָפּשפּילן א וויכטיקע ראָל אין פארשנעלערן דעם טעמפּ פון אויפבויען דאָס לאנד.

דער עיקר־ציל פון דער אָרגאניזאציע איז ארייניציען די יוגנט אין די פּראָדוקציע־פּראָצעסן פון לאנד און דערציען א נייעם טיפּ מענטש, וואָס זאָל פארמאָגן דעם פולן געפיל פון פאראנטוואָרטלעכקייט פארן גורל פון לאנד, געבונדן מיט די פּראָצעסן פון אויפבוי.

דער גרונט־עלעמענט פון רעאליזירן די אויפגאבן איז — ארבעט. מיטן פּראָבלעם פון ארבעט, בינדט זיך ענג דער מאָמענט פון באציונג צו איר. ביי א טייל יוגנט און ספּעציעל צווישן דער, וואָס איז פון בירגערלעכער אָפּשטאמונג, איז געווען א נישט ווי געהעריקע באציונג, וואָס איז ארויסגעדרונגען פון א פאלשן באגריף.

נעבן, די דערציונגס - מאָמענטן, וועלכע ס'וועט שאפן דאָס אָרגאניזאציאָנעלע לעבן, וועט דער צווייטער זייער וויכטיקער מאָמענט, וואָס דארף דער יוגנט ברענגען אויסערגעוויינלעכע נוצן, זיין די ברייט פונאנדערגעוויקלטע אקציע פון פאך־אויסשולונג אין די ראמען פון דער אָרגאניזאציע. פאר דעם פולן רעאליזירן דעם דריי־יעריקן פּלאן, דארף די מלוכהשע אינדוסטרי האָבן ארום 400 טויזנט מענטשן. געווערב־אינדוסטרי און מלאכה — 200 טויזנט, פּריוואטע מלאכה — 300 טויזנט. דאָס צוגרייטן די נייע ארבעטס־קאדרען — געהערן אויך צו די אויפגאבן פון „דינסט פאר פוילן".

די מעגלעכקייט פון דער יוגנט צו באקומען א פאך, איינצואָרדענען זיך אין לעבן, צו באקומען פאר איר ארבעט וועט זיין א גרויסע דערגרייכונג. גלייכצייטיק דארף „אין דינסט פאר פוילן" ווערן דער פאקטאָר, פאר אדורכפירן די סעלעקציע פון אממיינסטן ווערטפולע עלעמענטן אין די שולן, אָדער העכערע לערן־אנשטאלטן.

ביז איצט איז דער עלעמענט פון דער לערנענדיקער יוגנט געווען גענוג פארשידנארטיק און אָפּט צופעליק. איצט וועט די ארבעט אין די ראמען פון דער אָרגאניזאציע „אין דינסט פאר פוילן" — זיין דער פּרווו־שטיין און א דעצידירנדיקער פאקטאָר, נישט בלויז ביים אָננעמען אין די פאבריקן, אָבער אויך אין די הויכשולן.

די ווייטערדיקע אויפגאבע איז דאָס פאראלגעמיינערן די פיזישע דערציונג און פארשטארקן די פארטיידיקונג פון לאנד דורכן אויפהויבן דעם ניוואָ פון מיליטערישער צוגרייטונג. דאָס הייסט נישט קיין מיליטאריזאציע פון דער יוגנט, דאָס הייסט נאָר און בלויז, צוגרייטן די יוגנט מיליטעריש אזוי, אז אין יעדן פאל זאָל זי קענען פארטיידיקן דאָס לאנד.

עס גייט טאקע אין דעם, אז די צוגרייטונג זאָל דורכגעפירט ווערן אָן דעם שאָדן פאר דער פּראָדוקציע. זי זאָל קענען פּאָרקומען אָן דעם אוועקרייסן די יוגנט פון דעם ארבעטס־פּלאץ אין משך פון צוויי יאָר צייט.

די אָרגאניזאציע „אין דינסט פאר פוילן", וועט אָרגאניזירן יוגנטלעכע ארבעטער־בריגאדעס, היי־יאָר וועלן זיי ארומנעמען 75 טויזנט יוגנטלעכע, נאָר נישט קיין גרויסע צאָל, וואָס איז זעלבסטפארשטענדלעך צוליבן פעלן פון גענוגנדע אינסטרוקטאָרישע און טעכנישע קאדרן. אין די ווייטערדיקע יאָרן, וועט די צאָל באדייטנדיק וואקסן. די אָרגאניזאציע „אין דינסט פאר פוילן", וואָס וועט ארומנעמען די גאנצע יוגנט פון 16 ביז 21 יאָר, ווי אויך די יוגנט, ביז 30 יאָר, וועלכע האָט נישט דורכגעמאכט קיין מיליטער־דינסט, האָט רעכט צו באשטימען דעם יוגנטלעכן אויף 6 חדשים ארבעט.

אויף היי־יאָר ווערט פּלאנירט, אויסער די ארבעטן פון די בריגאדעס אין זייער 6־שעהדיקן ארבעטס־טאָג, בויען און אויפבוי פון געזעלשאפטלעכע איינריכטונגען אין שטאָט און שטעטלעך — מיליטערישע צוגרייטונג, פיזישע דערציונג און די לערע וועגן היינטיקן פוילן.

די 75 טויזנט יוגנטלעכע דארפן געבן פון זייער ארבעט 11,5 מיליאָן ארבעטס־שעהן. עס וועלן אויפגעבויט ווערן דער פּאָרט אין שטשעטשין. די הויפּט־ארטעריע מזרח־מערב אין ווארשע, ארבעטער־ישובים אין אויבערשלעזיע, ווראָצלאוו און אנד.

די אָרגאניזאציע „אין דינסט פאר פוילן", וועט מיט גאָרנישט פארקלענערן די ראָל און באדייטונג פון די עקזיסטירנדיקע אידעיש־דערציערישע יוגנט־אָרגאניזאציעס. פארקערט. דאָס ליגט אויף זיי ארויף א פליכט פון אויפהויבן דעם אידעאָלאָגישן ניוואָ פון די מיטגלידער, און, אז זיי זאָלן אין די רייען „פון דינסט פאר פוילן" קענען זיין א פאָרויסגייענדער עלעמענט.

# וואָל־סטריט באַדראָט די פרייהייט פון דער סטודענטישער יוגנט אין אַמעריקע

לויט די ידיעות, וואָס קומען אָן פון אמעריקע, ווערט דער אָנגריף פון דער רעאקציע אויף די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אלץ שטארקער און שטארקער. די רעפּרעסיעס און אטאקעס אויף די פרייהייט־ליבנדיקע מענטשן האלטן אין איין וואקסן, פּאראלעל מיט דעם אלגעמיינעם אָנגריף וואקסט אָן דער אנטיסעמיטיזם, וואָס גייט אין פוס־טריט מיט א נייעם פאשיזם פון אַן אמעריקאנער אויפלאַגע.

לעצטנס האָט די מאכט פארבאָטן ארויסצוטרעטן אין איינעם פון די ניו־יאָרקער אוניווערסיטעטן דעם באקאנטן יונגן יידישן אמעריקאנער שרייבער האווארד פאסט, וועלכער איז איינגעלאדן געוואָרן אויף א פרעלעקציע.

אלס ענטפער אויף די שיקאנעס איז אויסגעוואָקסן א מאסן־באוועגונג „פאר אקאדעמישע פרייהייט און פרייען געדאנק" אין די אוניווערסיטעטן.

דער געוועזענער וויצע־פּרעזידענט הענרי וואלאס איז ארויסגעטרעטן וועגן דעם דאָזיקן ענין, מיט א רעדע אין ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט. די רעדע איז אָפּגעדרוקט און פארשפּרייט געוואָרן צווישן טויזנטער סטודענטן אין ניו־יאָרק.

מיר ברענגען אין א פארקירצטער פאָרם די איבערזעצונג פון דעם ענגלישן טעקסט:

ווענדונג פון וואלאסן צו דער סטודענטישער יוגנט אין די פאריייניקטע שטאַטן.

איך בין זייער צופרידן, וואָס מען האָט מיר דערלויבט צו רעדן היינט פאר אייך. אין אייניקע פלעצער האָט די שול־מאכט געהאלטן, אז מיינע אָנשויונגען זיינען אין אזא מאָס שטרייטבאר, אז מען טאָר נישט זיי דערלויבן אויסצודריקן אויפן פאָרום פון אוניווערסיטעט.

איך קען נישט אזא זאך, וואָס שטעלט מער אין א דראמאטישער פאָרם, די אמעריקאנישע ציווילע פרייהייטן, ווי דער געדאנק, אז א וועלכע עס איז אָנשויונג, קען זיין צופיל שטרייטבאר, בכדי געבראכט צו ווערן פאר א שול־פאָרום.

דאָס איז די איינציקע, אמתע נישט־אמעריקאנישע דאָקטרין, וואָס ווערט היינט געפּרעדיקט — דער געדאנק, אז דאָס פאָלק, קען נישט ליידן קיין פרייען צופלוס פון אידעען.

דאָ אין ניו־יאָרק־סיטי, איז די וואָך פאָרגעקומען א גרויסע דיסקוסיע אין אלע גרעסערע שולן, איבער דער פראגע פון ערטילן א דערלויבעניש דעם נאָוועליסט האָווארד פאסט, ארויסצוטרעטן פאר א גרופּע סטודענטן.

איך קען נישט דעם הער פאסט, לוידער האָב איך קיינמאָל נישט געהאט קיין צייט זיך אוועקצוזעצן און איבערלייענען זיינע ארבעטן, איך ווייס נישט, צי ער איז א קאָמוניסט, אָדער נישט. איך האָב געהערט, אז ער איז געוואָרן פאראורטיילט פאר באשמוצן דעם „קאָמיטעט פאר באהאנדלען די נישט אמעריקאנער טעטיקייט".

איך קאָן נאָר זאָגן — אז ער קען נישט מערער פאראכטן דעם קאָמיטעט, ווי איך.

איך דענק, אז די אלע פראגן, וועגן ה' פאסט, האָבן נישט קיין שייכות מיט דעם באשלוס, צי אים זאָל דערלויבט זיין ארויסצוטרעטן מיט א רעדע, אָדער נישט. עס דארפן איבערהויפּט נישט עקזיסטירן אזעלכע פראגן, אויב אונזערע אוניווערסיטעטן און שולן, ווילן באמת דערפילן זייערע אויפגאבן.

אלע געדאנקען, אויסגעטראכטע פון די קלוגסטע פּרעזידענטן און רעקטאָרן, קענען נישט באַרעכטיקן די אונטערדריקונג פון אידעען און אנשויאונגען אויף אן אוניווערסיטעט־פאָרום. אלע פּרוּוון פון באשיצן די סטודענטן פון פרייע געדאנקען זיינען העכסט אנטי־אמעריקאניש... נישט ווייניקער באאומרואיקנדיק זיינען די באגרענעצונגען פון פּאָליטישער פרייהייט פון יונגע מענטשן אין אַ סך פון אונזערע אוניווערסיטעטן.

איך פארשטיי די מורא, פון אונזערע פּרעזידענטן און רעקטאָרן, ווען זיי פארבאָטן צו האלטן די רעדעס אין די לערן־אנשטאלטן. זיי האָבן מורא פאר די אויפזיכטס־ראטן, פאר זייערע פּאָסטנס און די פּאָסטנס פון זייערע פריינט. זיי זאָרגן זיך, נישט צו פארלירן די ספּעציעל צוגעטיילטע פאָנדן און סובסידיעס. איך פארשטיי זייער מורא, דאָך קען איך נישט באַרעכטיקן זייער האנדלונג אונטערן איינפלוס פון שרעק.

זיי האָבן געהערט, אז די הערן: י. פּארנעל, טאָמאס און דזשאָן רענקין, דראָען צו באקעמפן די „רויטע געפאר" און אונזערע אוניווערסיטעטן, זיי האָבן געזען, אז אויך די קינאָ־פאבריקאנטן, גיבן זיך אונטער דעם ווילן פון טאָמאס און רענקין, קוקן זיי אין שפּיגל און זאָגן: „עריק דזשאָנסאָן — וואָלט זיך נישט קעגנגעשטעלט טאָמאסן, ווער בין איך אין פארגלייך צו עריק־דזשאָנסאָן?".

כ׳וואָלט זיי געוואָלט זאָגן ווער זיי זיינען. זיי זיינען מענער און פרויען, וועמענס איינציקע באַרעכטיקונג פאר פּראָפעסיאָנעלע עקזיסטענץ — איז דער צוועק: צו זאמלען און טיילן אידעען.

די פאקולטעטן פון די אמעריקאנישע אוניווערסיטעטן, וועלן שטיין אין זייער קאמף פאר די רעכט, צו לערנען יעטוועדע פילאָסאָפיע און אידעאָלאָגיע, לויט די בעסטע אקאדעמישע טראדיציעס, אין קעגנפאל וועלן מיר זיך מוזן אונטערגעבן די אויפגייענדע ערע פון אמעריקאנער פאשיזם.

ס׳קען זיין, אז מען דארף היינט אמתן מוט, זיך קעגנצושטעלן די פארשפּרייטער פון שרעק פון דעם „קאָמיטעט פאר נישט אמעריקאנישער טעטיקייט" און די אָנפאלן פון דער רעאקציאָנערער פּרעסע.

אָבער די פאקולטעטן און סטודענטן־קערפּערשאפטן פון אונזערע גרויסע דערציערישע אינסטיטוציעס וועלן קעמפן — אנדערש וועלן זיי ווערן געצוווּנגען צו פיל גרעסערע קרבנות אין די קומענדיקע יאָרן.

אויב פּארנעל־טאָמאס און זיינע מענטשן, הויבן אָן זייער אטאק אויף די אוניווערסיטעטן האָף איך, אז א גרויסע ווידערשטאנדס־באוועגונג, וועט אָנהייבן אַן אָפענסיווע און ארויסטרייבן טאָמאסן צוריק אין זיין ביוראָ אין וואָל־סטריט און רענקינען אין א געוויסן פּאסנדן אָרט פאר פּאָליטישע פארשיקטע.

אויב טאָמאס און רענקין וועלן פירן זייער טעטיקייט לאָגיש און קאָנסעקווענט ביזן סוף, קענען מיר זיך ריכטן אויף אַן אמעריקאנישער אויפלאגע פון די נאציסטישע ביכער־שרפות, מען וועט מוזן פארניכטן א גרויסן טייל פון אונזערע אמעריקאנער געשיכטע־ביכער.

אלע אונזערע סטודענטן פון געשיכטע וויסן, אז מיר האָבן געהאט מענטשן און פּאָליטישע גרופּירונגען אין אמעריקע, נאָך איידער קארל מארקס האָט געחלומט וועגן זיין „קאָמוניסטישן מאניפעסט". —

איך ווייס נישט, וואָס די גרופּע טאָמאס־רענקין, ווילן מאכן מיט דער וויסנשאפט און וויסנשאפטלער. נאָר אויב זיי זיינען קאָנסעקווענט און לאָגיש — וועלן מיר מוזן איינגאנצן אָפּשאפן די וויסנשאפט, ווייל אזוי פיל פונדאמענטאלע טעאָריעס, האָבן אַן אייראָפּעישע, אָדער אַן אנדער נישט־אמעריקאנער אָפּשטאמונג.

לאָזט אייך נישט פארפאָלגן, גלויבט אין די פּאָטענציעלע כוחות פון פרייען אמעריקע, קעמפט פאר אייערע רעכטן, ווייזט די עלטערע דעם וועג!

---

# די סאָוויעטישע יוגנט באַגריסט די סטודענטן פון ארץ־ישראל

דער סעקרעטאר פון דער פאריייניקטער סטודענטן־פעדעראציע אין ארץ־ישראל האָט באקומען פאָלגנדיקע טעלעגראמע פון אנטיפאשיסטישן יוגנט־קאָמיטעט אין ראטנפארבאנד:

„די סאָוויעטישע יוגנט פאָלגט נאָך מיט גרויס אינטערעס, די געשעענישן אין א״י און ווינטשט, אז ד פעלקער פון דעם לאנד זאָלן לעבן אין פרייהייט און פרידן.

„בלוטיקע צוזאמענשטויסן האָבן שטענדיק געדינט די אינטערעסן פון דער רעאקציע און דערפאר קאָן קיין שום אמתער דעמאָקראט נישט פארבלייבן גלייכגילטיק צו די איצטיקע געשעענישן.

„מיר ווייסן, אז נישט פון דער יידישער און נישט פון דער אראבישער זייט,זיינען פאראן סיבות צו אנטאגאָניזמען, אָבער די גוט־שכנותדיקע באציונגען זיינען נישט אויף דער האנט די יעניקע, וועלכע ווילן זען פאלעסטינע אין זעלבן צושטאנד, ווי זי האָט האָט זיך געפונען אין אָנהייב פון צווייטן וועלט־קריג. דער פּרינציפּ פון אָנערקענען דאָס זעלבסט־באשטימונגס־רעכט פון פעלקער, אויף וועלכן עס האָבן זיך באזירט אויף דער „אָנו", גראָמיקאָ און צאראפּקין — איז נישט צום הארצן די אימפּעריאליסטן פון געוויסע לענדער.

„מיר מיינען, אז די פעלקער פון פאלעסטינע וועלן אין דער געהעריקער פאָרם, דעצידירן וועגן זייער גורל און מיר ווינטשן זיי דערפאָלג".

# ספּאָרט־בילאַגע

## וועגן זעלבסטאויסהאַלטונג פון אונזערע קלובן

אונזערע ספּאָרט־קלובן, וועלכע האָבן זיך ביז איצט מאטעריעל אָנגעשפּאַרט אויף די יידישע קאָמיטעטן, דאַרפן איבערגיין אויף נייע יסודות. דער בודזשעט איז באַדייטנד פאַרקלענערט געוואָרן. וועגן קריגן ווייטער אַזעלכע סומען געלט אויף ספּאָרט־צוועקן, קען קיין רייד נישט זיין. די קלובן דאַרפן אָבער זיך באַמיען נישט אונטערצוגעבן זיך אַלע שוועריקייטן, וועלכע וועלן קומען מיט דער פינאַנסיעלער רעדוקציע און זיך באַמיען ווייטער צו פירן די אַרבעט. יעדער קלוב דאַרף זיך באַמיען צו ווערבירן, א חוץ די אַקטיווע מיטגלידער, א וואָס גרעסערע צאָל מיטגלידער אדעפּטאָרן, וועלכע זאָל דעם קלוב שטיצן פינאַנסיעל. די פאַרוואַלטונגען פון די קלובן דאַרפן זיך באַמיען צו פאַראינטערעסירן די יידישע עפנטלעכקייט מיט דעם יידישן ספּאָרט, אויפווייזן זיין נוצלעכקייט פאַר דעם געזונט־צושטאַנד פון דער יידישער יוגנט. אויך דאַרף מען זיך באַמיען צו געווינען די פאַראינטערעסירונג פאַר דעם יידישן ספּאָרט־קלוב פון פאַרשידענע יידישע אינסטיטוציעס, וועלכע זאָלן שטיצן פינאַנסיעל. דער יידישער ספּאָרט־קלוב דאַרף ווערן דער צענטער פון אינטערעס פון יעדן יידישן ישוב.

## ספּאָרט־קלוב אין וואַרשע

לעצטנס איז אין וואַרשע פאָרגעקומען די ערשטע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, פון די מיטגלידער פון יידישן ספּאָרט־קלוב. דער פאָרזיצער פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט ח' מילער, דאָס געעפנט די פאַרזאַמלונג. אין זיין אַרויסטרעטונג דערקלערט ח' מילער, אז דער מאַנגל אין לאָקאַלן און ספּאָרט־פּלעצער איז אויך געווען די סיבה פון דער פאַרשלעפּטער אַנטוויקלונג פון קלוב אין וואַרשע. מיט דעם באַקומען א לאָקאַל, זיינען געשאַפן געוואָרן די רעאַלע מעגלעכקייטן צו פירן די ספּאָרט־אַרבעט צווישן דער יידישער יוגנט. טראָץ די שוועריקייטן האָט זיך דעם קלוב איינגעגעבן צו אָרגאַניזירן, זומער־צייט, א נעץ־באַל־סעקציע און שפּעטער א פינגפּאָנג־סעקציע. דער יידישער ספּאָרט־קלוב אין וואַרשע שטרעבט צו אָרגאַניזירן א ספּאָרט־עלעמענט, וועלכער זאָל מיט כבוד רעפּרעזענטירן די יידישע געזעלשאַפט.

אין די ראַמען פון קלוב איז איינגעאָרדנט געוואָרן אן אינערלעכער פינגפּאָנג־טורנע, אין וועלכן עס האָבן אָנטיילגענומען א גרעסערע טייל יידישע יוגנטלעכע. עס זיינען אויך פאָרגעקומען צווישן קלוב־פאַרמעסטונגען וועגן דער מייסטערשאַפט פון „ב"־קלאַס אין וואַרשעווער קרייז. די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג האָט נאָך א דיסקוסיע אָנגענומען א באַשלוס צו קאָנטינוּאירן די אַרבעט אויף דעם געביט פון פינגפּאָנג, אָרגאַניזירן א שאַך־סעקציע, וועלכע וועט שוין אין דער נאָענטסטער צייט אָנהייבן די אַזויגערופענע טרוּקענע איבונגען אין זאַל. עס איז אויך אויסגעקליבן געוואָרן א נייע פאַרוואַלטונג.

## שאַך־טורניר אין ליגניץ

אין שאַך־טורנע, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דעם יידישן ספּאָרט־קלוב אין ליגניץ, האָבן אָנטיילגענומען 31 שפּילער. צווישן די פאַרמעסטלער האָבן זיך געפונען אַזעלכע באַקאַנטע שאַכיסטן ווי: גאָלדמינג, יאַשטשוק, פלודער, קאָלף, מאַנדעלקערן, הומאַנטשוק און אנד.

אין דער צייט פון טורנע זיינען אָפּגעפאַלן פון דער ליסטע 8 פאַרמעסטלער, פאַר נישט אויסשפּילן די העלפט פון די פאָרויסגעזעענע פּאַרטיעס. עס זיינען געבליבן 13 פאַרמעסטלער. אין אַלגעמיין האָט מען געשפּילט 254 פּאַרטיעס, פון וועלכע מען האָט נישט אָנערקענט 98, צוליבן אויסשטרייכן 8 פאַרמעסטלער. עס זיינען געבליבן 156 אָנערקענטע פּאַרטיעס.

| | פאַמיליע | [illegible] | געוווּנענע פּונקטן | פאַרלוירענע פּונקטן | [illegible] |
|---|---|---|---|---|---|
| 1 | גאָלדמינג | 2 | 11 | 1 | [illegible] |
| 2 | פלודער | 12 | 11 | 1 | 1 און |
| 3 | הומאַנטשוק | 12 | 9 | 3 | 3 |
| 4 | יאַשטשוק | 12 | 8 | 4 | 4 און 25 |
| 5 | מאַנדעלקערן | 12 | 8 | 4 | 4 און 5 |
| 6 | קאָלץ | 12 | 7 | 5 | 5 |
| 7 | זאַיאָנטשקער | 12 | 6 | 6 | 7 |
| 8 | טערעשינסקי | 12 | 5 | 7 | 8 |
| 9 | כשאַנאָווסקי | 12 | 4 | 8 | 9 |
| 10 | שיינבערג | 12 | 3 5 | 8,5 | 10 |
| 11 | לעפּלשטיל | 12 | 2 | 10 | 11 און 12 |
| 12 | פאָריאָל | 12 | 2 | 10 | 11 און 12 |
| 13 | פּיטקאָ | 12 | 1,5 | 10,5 | 13 |

צוליב דעם, וואָס צוויי פאַרמעסטלער, וועלכע שטייען אויף די ערשטע צוויי ערטער פון דער טאַבעלע האָבן די זעלבע צאָל פּונקטן, האָט די אָנפירונג פון טורנע פאַראָרדנט דורכצופירן אלס צוגאָב צוויי פאַרטיעס. נאָך דעם אָפּשפּילן די ערשטע פּאַרטיע, וועלכע האָט זיך געענדיקט מיט א רעמי־רעזולטאַט, האָבן די פּאַרטנערן באַשלאָסן, מיט דעם הסכם פון דער טורנע־אָנפירונג, צו צעטיילן צווישן זיך די ערשטע צוויי ערטער. דער טורנע איז געשטאַנען אויף זייער א הויכן ניוואָ. די פאַרמעסטלער האָבן געשפּילט זייער אַמביציעז. צום שלוס פון טורנע איז פאַרגעקומען א פאַרוויילונג, אויף וועלכן די זיגער פון די ערשטע 2ערטער האָבן באַקומען פּריזן און דיפּלאָמען, וואָס זיינען געשענקט געוואָרן דורך דעם יידישן קאָמיטעט און ספּאָרט־קלוב אין ליגניץ.

## ספּאָרט אין ראַטנפאַרבאַנד

אין פאַרלויף פון ערשטן קוואַרטאַל פון 1948 יאָר איז פאַרגעקומען א גרויסע ספּאָרט־אַקציע פון דער רוסישער פעדעראַציע. דאָס איז די גרעסטע פאַרמעסטונג אין היינטיקן סעזאָן. אין פּראָגראַם זיינען פאַרגעקומען פאַרמעסטונגען פון נאַרטלער, גליטשער, פיגוריסטן, האָקעיסטן, גימנאַסטן, באַסקעטבאָליסטן, וואָלעבאָליסטן, שווער־אַטלעטן, באָקסער, שטאַנגיסטן, שיסער, שאַך־מאַטיסטן און דאַמינאָ־שפּילער. עס זיינען אויך פאַרגעקומען פאַרמעסטונגען פון באַזונדערע צווייגן פון נאַציאָנאַלן ספּאָרט, ווי: א גיכן אַראָפּלאָזן זיך מיט די נאַרטן און שליטלעך פון בערג, נאַרטן־לויף, געשלעפּט אויף א בוקסיר דורך א מאָטאָציקל, פערד און הירש־לויפן אויפן אייז. די ספּאַרטאַקיאַדע איז פאַרגעקומען אין דריי עטאַפּן: פאַרמעסטונגען וועגן ערשטן אָרט פון די נידער־קאָלעקטיוון, וועגן ערשטן אָרט פון די ראַיאָן־צענטערס און שטעט, און פאַרמעסטונגען וועגן ערשטן אָרט פון פּראָווינצן, געגנטן און אויטאָנאָמישע רעפּובליקן.

אין דער ערשטער דעקאַדע פון פעברואַר וועלן פאַרקומען די פינאַל־צוזאַמענטרעפן. אין מאָסקווע וועלן זיך צונויפקומען ביז 4 טויזנט ספּאָרטלער. דער פינאַל וועט זיך אָנהייבן מיט א ספּאָרט־יום־טוב אויף דעם צענטראַל־סטאַדיאָן פון „דינאַמאָ". אין דער הויפּטשטאָט וועלן אויך קומען ספּאָרטלער פון די צפון־ראַיאָנען. אויף דעם מאָסקווער טייך וועלן די צושויער קענען זען געיעגן פון הינט און הירש־שליטלעך.

---

### דער ספּאָרט־מייסטער עלי דאַנסקאַי

דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמיטעט פאַר פיזישער דערציונג און ספּאָרט, האָט באַלוינט דעם באַקאַנטן יידישן ספּאָרט־טוער עליע דאַנסקאַי מיט דעם טיטל פאַרדינסטפולער ספּאָרט־מייסטער.




# די יידישע קלאַסיקער אין דער לאָרזשער יוגנט-היים

ס'איז היינט ביי אונז אין לאַנד — בפרט אין יידישן וועלטעלע, א סעזאָן אויף געסט. עס קומען דעלעגאַציעס און סתם מענטשן פון האָנאָלולו און אמעריקע, פון יעהופעץ און בויבעריק, אָנקוקן די וווּנדער פונם ביסל יידן אין פוילן.

עס קומען מענטשן, וועלכע האַלטן, אז זיי האָבן רעכט אויף צו באַזוכן, ווייל זיי גיבן א סך; ס'קומען מענטשן, וועלכע האַלטן, אז ס'איז שוין צייט מען זאָל אָנהייבן נעמען... עס קומען אויך מענטשן, וועלכע נעמען שוין.

און מיט רעכט האָבן אונז באַשלאָסן צו באַזוכן די, וועלכע האָבן אונז צום מערסטן געגעבן און פון וועלכע מיר קענען טאַקע א סך נעמען.

ס'זענען געקומען אונז באַזוכן אונזערע טייערע זיידעס און פאָטערס — מענדעלע מו־כר ספרים, שלום עליכם און פּרץ.

נישט אזוי לייכט האָבן זיי אהער געטראָפן, אויף פראַנציסקאַנער 15. נאָר ענדלעך האָבן זיי זיך דערשלעפּט אהער פון יידישן קאָמיטעט.

צום שווערסטן, פאַרשטייט זיך, איז געווען אונזער זיידן מיט זיין גרויסן פּאַק ביכער; זיין בידנע קליאַטשע האָט נעבער געקרעכצט און נישט געהאַט קיין כוח צו שלעפּן.

אָנגעקומען צו דער בורסע זיינען זיי שפּעט ביינאַכט (5 מינוט נאָך 10). דער נאַכט־וועכטער איז שוין געשלאָפן און אויף זייער קלאַפּן האָט ער אָנגעהויבן שיטן מיט א פּערל־דיקן לשון פון שלום עליכם יידענע־לעקסיקאָן:

— אז קלאַפּן זאָל אייך אין קאָפּ און אין מח, רבונו של עולם! א האַרץ־קלאַפּעניש זאָל אויף אייך קומען! — א.א.וו.

כאָטש שטייענדיק אינדרויסן, האָט שלום עליכם געשעפּט נחת.

זיך אויסגעגענבט, פאַנאַנדערגעטשורעט, האָט דער וועכטער אויפגעעפנט די טיר און ארויפגעריקט די זשאַלוזיע.

דערזעענדיק אָבער די פרעמדע ליט, איז ער שנעל געלאָפן נאָך דער ביקס.

צוריקקומענדיק, האָט ער שוין געטראָפן א האַרץ־רייסנדיק בילד: די פאָרטיערניע איז גע־ווען פאַרוואָרפן מיט ספרים, ביכער טשעמאָ־דאַנען און די קליאַטשע איז אויך שוין דאָרט געשטאַנען און דערווייל געצופּט פון דער וואַנט אן אלטע „זאַוויאַדאָמיעניע" פון דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג.

די ערשטע פראַגע פונם ניכטער געוואָרע־נעם וועכטער איז געווען:

— „דאָ קאָגאָ?"

ערשט נאָך לאַנגע אויפקלערונגען האָט דער וועכטער זיך געכאַפּט, אז דאָס זיינען אוודאי וואַזשנע „העכט" פון אויסלאַנד, איבערלאָזנ־דיק די ביקס אלס משכן איז ער געלאָפן נאָכן וויצע־לייטער זאַמאָסטער. ער איז תיכף אראָפּ געקומען אין די בלויע שטעק־שיך. פּאַטעטיש און אָפיציעל האָט ער אויסגערופן:

**–Bursa przepełniona, młodzieży się więcej nie przyjmuje.**

די קלאַטשע זעט איר, קען איך ארייג־לאָזן — זי וועט אונז צונוץ קומען צו פירן די פּראָדוקטן. אזעלכע ווערן גלייך אָנגענו־מען ביי אונז אין בורסע!

בעתן ארויסרעדן די דאָזיקע פּאָר ווערטער, איז אים געוואָרן פאַרדעכטיק די מאָדנע ענ־לעכקייט צווישן די דאָזיקע מענטשן און בילדער, וואָס הענגען ביי אים אין קאַנטאָר און אין דער סטאָלאָווע. ער האָט באַשלאָסן צו מאָביליזירן די קולטור־קאָמיסיע.

צוליב דער שפּעטער שעה האָט מען די קולטור־קאָמיסיע נישט געקענט געפינען.

די געסט האָבן דערווייל געוואַרט.

דערוויסנדיק זיך וועגן גרויסן נס, איז גע־קומען צולויפן דער רעדאַקטאָר פון דער וואַנט־צייטונג, וועלכער האָט תיכף געוואָלט אדורכפירן אן אינטערוויו. פריער פאַר אלץ האָט ער זיך געוואָנדן צו די חשובע געסט, אז זיי זאָלן מיטאַרבעטן אין אונזער צייטונג, אָבער מיט איין באַדינג: זיי זאָלן שרייבן אויף פויליש, ווייל יידיש ווילן די בורסאַנטן נישט פאַרשטיין. די געסט איז אָבער דאָס עסק נישט געפעלן געוואָרן. מענדעלע האָט א הויב געטאָן זיינע קלו־גע אויגן פון הינטער די ברילן און מיט א זיפץ געענטפערט:

—בנים גדלתי ורוממתי והם פשעו בי...

אונזער רעדאַקטאָר איז אָבער נישט מבין כל דבור, האָט אים שלום־עליכם פאַרטייטשט: „קינדער האָב איך געכאָוועט און ממזרים זיינען זיי אויסגעוואָקסן"... — זאָגט רש"י...

דערווייל זיינען זיך צונויפגעלאָפן די בור־סאַנטן, וועלכע האָבן דעם רעדאַקטאָר נישט צוגעלאָזט צום וואָרט, פאַרוואַרפנדיק די געסט מיט פראַגן. אַרעק טענענבוים האָט דווקא געוואָלט וויסן, צי איז מאָטל פּייסי דעם חזנס געווען א ז.וו.מ.אָוויעץ, צי א צו־קונפטיסט, און נאָך וואָס האָט ער געגנבעט די גרענעץ?

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אונזער העניע לענצקא געפּאָרעט אין מענדעלעס ביכער און, נישט געפינענדיק דאָרטן קיין לערנבוך פון פּסיכאָלאָגיע, האָט זי דעה קלערט:

— נישטאָ גאָרנישט אין דער ביבליאָטעק!

ביז ענדלעך עס איז געקומען דער פאָר־זיצער פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג און גע־נומען די געסט ארומפירן איבער דער בורסע.

וואָס אונזערע חשובע געסט האָבן געזען און וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט אין דעם דאָ־זיקן אָוונט אין בורסע — ווייסן מיר נישט. דער קאָרעספּאָנדענט פון אונזער צייטונג האָט נאָר באַמערקט, ווי דער זיידע מענדע־לע האָט איינגעפּאַקט אלע זיינע ביכער ארויפ־געפּאַקט זיי אויף דער אָרעמער קליאַטשע, שלום־עליכם האָט אויפגעהערט צו לאַכן, און פּרץ האָט עפּעס שטיל געברומט אונטער זיינע פּריצישע וואָנצעס.

צי וועלן זיי אונז נאָכאַמאָל באַזוכן?

גינצעל




עס רעדט בעווין...




דער בריטישער לייב שלעפּט זיך הכנעהדיק אויף דעם גאָלדענעם קייטל.





רעדאגירט פון ל. קארנפעלד

## קרייצוואָרטרעטעניש נר. 1



פון רעכטס אויף לינקס: 1. אייראָפּעישע הויפּטשטאָט. מכשיר פון מלחמה. 2. א שלעכטע ווייב. 3. פארוויילונגשפאציר הינטערן שטאָט. אָרגאן פון הארץ. 4. יאָרבאצייכענונג אין לאטיין. מקור פון ווארעמקייט און ליכט. א צאָל. 5. מיט וואָס מען באַשטימט די גרוים. 6. א גרויזאמער מענטש. נאָמען פון א סך מלכים אין מיטלעלטער. 7. א גוטע איז שווער צו געבן יענעם. 8. נישט קיין געמלטער. טייל פון פוס. איינהייט פון ארבעטספעיקייט. 9 לויטשפּרעכער. א טויטע שפּראך. 10. א שטאָט אין אפגאניסטאן. 11. לערנמיטל אין מוזיק. אומאָרדענונג.

פון אויבן נאָך אונטן: 1. אן אומפארהייראטער. 2. א שטאָט אין פראנקרייך. א פאָלק. 3. עגיפּטישער גאָט. גלייכצייטיקער שאָס פון א סך הארמאטן אָדער פלינטן מיטאמאָל. 4. טייל פון שטאָט. טייל פון א פּיעסע. 5. באַרימטער הומאניסט. טייל פון קינאָ. 6. וואקסן אויפן פּנים. 7. עקזאלטירטער צושטאנד. דער גאנג. 8. אויסרוף. צו וועמען די מאכמעדאנער ווענדן זייערע תפילות. 9. מוזיקאלישע נאָטע. אן אויסדרוק, געברויכט אין מעדיצין און פּאָליטיק. 10. א מלבוש. א צאָל. 11. טייל פון מיליטערישן אוניפאָרם.

## רעטעניש 1



נאָכן געפינען דעם שליסל, דארפן די לעזער צוזאמענשטעלן א באקאנט ווערטל פון שלום עליכם.

## רעטעניש 2



די לעזער דארפן געפינען דעם שליסל און איבערלייענען א באקאנט פאָלקס-ווערטל.

## רעטעניש 3



די לעזער דארפן געפונען דעם שליסל און צוזאמענשטעלן א באקאנט ווערטל.

## אויפגאַבע נר. 2

פון **סאמועל לאיד** (ניו-יאָרק)



ווייס ציט און גיט מאַט אין דריטן צוג

פאַר דער ריכטיקער אויפלעזונג, האָט די רעדאַקציע „אויפגאַנג" באַשטימט אַ ריי ווערטפולע ביכער-מתנות.

### לעזונג פון דער אויפגאַבע נר. 1

1. ל אַ1—עף6! גע7 : עף6. 2. ק ע8—עף8, עף6—עף5. 3. ש האַ6—עף7 מאַט.

---

## פּארטיע נר. 3

(פונם שאַך-מעטש אַווערבאַך—זאַק, מאָסקווע 1947)

ווייס: אַווערבאַך    שוואַרץ: זאַק

שפאניש

| | ווייס | שוואַרץ |
|---|---|---|
| 1. | ע2—ע4 | ע7—ע5 |
| 2. | ש גע1—עף3 | ש בע8—צע6 |
| 3. | ל עף1—בע5 | אַ7—אַ6 |
| 4. | ל בע5—אַ4 | ש גע8—עף6 |
| 5. | O—O | ש עף6 : ע4 |
| 6. | דע2—דע4 | בע7—בע5 |
| 7. | ל אַ4—בע3 | דע7—דע5 |
| 8. | דע4 : ע5 | ל צע8—ע6 |
| 9. | צע2—צע3 | ל עף8—ע7 |
| 10. | ל צע1—ע3 | O—O |
| 11. | ש בע1—דע2 | ש ע4 : דע2 |
| 12. | ד דע1 : דע2 | ש צע6—אַ5 |
| 13. | ל בע3—צע2 | ש אַ5—צע4 |
| 14. | ד דע2—דע3 | גע7—גע6 |
| 15. | ל לע3—האַ6 | ש צע4 : בע2 |
| 16. | ד דע3—ע3! | ט עף3—ע8 |
| 17. | ש עף3—דע4 | ד דע8—דע8 |
| 18. | עף2—עף4 | ש בע2—צע4 |
| 19. | ד ע3—גע3 | צע7—צע5 |
| 20. | עף4—ע5! | צע5 : דע4 |
| 21. | עף5 : גע6! | האַ7 : גע6 |
| 22. | ל צע2 : גע6 | ק גע8—האַ8 |
| 23. | ל האַ6—גע7! † | ק האַ8 : גע7 |
| 24. | ל גע6 : עף7 † | ק גע7—האַ8 |
| 25. | ד גע3—גע6 | ל ע7—עף8 |
| 26. | ד גע6—גע8 | מאַט |

רעדאַקציע-קאָלעגיע:
באָזשיקאָווסקי ט., וואַרשאַווסקי י. עדעלמאַן מ., קוואַטערקא א., ד. קורץ, י. שוחט, שטערן פ.
פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון רעדאַקציע: י. וואַרשאַווסקי

Egzemplarz obowiązkowy
Nr. Ks. nab. 191 Data 12.III.48 r.

Cena 30 zł.

# „OJFGANG"

MIESIĘCZNIK WYDZ. MŁODZ. CENTR. KOM. ŻYDÓW w POLSCE

Warszawa—Łódź 1 marca 1947 NR 7/8

1948 → (patrz: okładka)

## אינהאַלט:

דאָס ליד פון פרידן – טעקסט ל. אָשאַנין, יידיש משה קנאַפּהייס ■
יידן אין דער רעוואָלוציע פון 1848 – ב. מאַרק ■ רויטאַרמייער (ליד)
– ל. אָליצקי ■ 100 יאָר קאָמוניסטישער מאַניפעסט ■ 30 יאָר אויף
דער וואַך פון שלום – י. פעדער ■ ארץ־ישׂראל אין קלעם פון אימ-
פּעריאַליזם – יצחק וואַרשאַווסקי ■ צו הילף דעם קעמפנדיקן ארץ
ישׂראל – נ. שטראַכמאַן ■ יידן אין די אַראַבישע לענדער – דוד
קורץ ■ בערג און שניי (ליד) – חיים לייב פוקס ■ קום אַריין אין
מיין האַרץ (ליד) – לייב מאָרגנפרי ■ נתן מייסלער – מ. מעלמאַן ■
דער פויגל (ליד) – וואָלף פאַכאַמאַניק ■ נאָכן שניי (ליד) – וו. ה.
איוואַן ■ דריי רויטאַרמייער (ליד) – משה שקליאַר ■ רעפּאַטריאַנטן-
פּראָבלעמען – ה. גראָסמאַן ■ די יוגנט ביי דער אַרבעט – א.
קוואַטערקאַ ■ ווו יוגנט, דאָרט איז פריילעך – א. קוואַטערקאַ ■
בינעם העלער אין פּוילן ■ ראובן וואַלצמאַן צו גאַסט אין פּוילן ■
שלמה מיכאָעלס – צ. ס. ■ ניטאָ מער גרשון... – הערש סמאָליאַר
■ יידיש טעאַטער אין פּוילן ■ פּאָליטישע נאָטיצן – פ. זאָווידאָוויטש ■
פון יוגנט לעבן אין דער גאַנצער וועלט ■ סטעראַסקינג – אינוס.
ראָזענבלום ■ פון יוגנט־לעבן אין לאַגער ■ אַקאַדעמישע טריבונע ■
ספּאָרט ■ הומאָר ■ רעטענישן

Wydawca: Wydz. Młodz. Centralnego Komitetu Żydów w Polsce. Adres Redakcji: „Ojfgang", Warszawa, Sienna 60
Składano w zecerni „Folks-Sztyme", Łódź, Narutowicza 32. Druk. R. S. W. „Prasa", Łódź, Żwirki 17.

D-019680